בס"ד
פרשת
**אחרי מות-קדושים**
ח' אייר תשפ"ג
פרקי אבות פרק ג'

| הדלקת נרות | מוצ"ש גאונים | מוצ"ש ר"ת |
|---|---|---|
| 8:03 | 9:18 | 9:34 |

Tel: 020 39 815 815

# שבת בשבתו

סטעמפארד היל לאנדאן



## ואהבת...
# זה כלל גדול בתורה

שטייענדיג אין א וואך ווען מען לערנט פילע עניים שבין אדם לחבירו בענגען מיר אייך א הערליכע ארטיקל מיט הייליגע סיפורי קודש וואס האבן פאסירט ביי אבותינו ורבותינו איבער נושאים וואס ווערן דערמאנט אין אונזער סדרה.

- ואהבת לרעך כמוך
- איש אמו ואביו ואביו תיראו
- הוכח תוכיח את עמיתך
- ולא תשקרו איש בעמיתו
- לא תלין פעולת שכיר

ותימרון חידושא
## מעג מען קוקן די בילדער אין שבת בשבתו
אין די ווערטער דערונטער
## אום שבת?



מוסדות רמ"א בארה"ק
## די קוואל פון אפענע ישועות



מוסד "אורה ושמחה" בעט ויך:
## ראטעוועט ר' משה חיים ארי'

# שבת בשבתו

Unit 4 2a Northfield Road,
London N16 5RN
Tel: 020 39 815 815
Fax: 020 3670 3882
Email: shabboslondon@gmail.com

© כל הזכיות שמורות

**אפיס שעות:**
**מאנטאג ביז מיטוואך:** פון 2 ביז 6 נאכמיטאג,
**דאנערשטאג:** פון 1 מיטאג ביז 11 ביינאכט

אין אנדערע שעות ביטע לאזט א מעסעדזש
און מיר וועלן אייך צוריקרופען

**מודעות דעדליין:**
**גרייטע מודעות:** 8:00 דאנערשטאג נאכט.
מודעות וואס דארפן נאך **א נוסח אדער דעזיין:**
4:00 דאנערשטאג נאכמיטאג

עס איז ראטזאם צו רעזערווירן ווי פריער
אייך צו קענען צושטעלן די בעסטע סערוויס

## אונזער גליון איז דא צו באקומען יעדע וואך ביי די פאלגענדע אדדרעסן:

| | |
|---|---|
| Tannug - St Kildas Road | Getters Dunsmure Road |
| Watermint Grocery | Kol Tov - Dunsmure Road |
| Makolet - High St | Breuer & Spitser |
| Outside 52 Darenth | Egg Stores |
| Outside 41 Leadale Road | Kosher Mart – Craven Park Rd |
| 86 Cazenove Road סאטמאר | Carmel - 111 Craven Park Road |
| 42 Craven Walk סאטמאר | Carmel - 143 Clapton Common |
| 67 Heathland Road סאטמאר | Koshernet |
| 47 East Bank סקווירא | Indigs Bakery |
| 87 Egerton Road באבוב | Kosher Spot |
| 11 Elm Park Avenue חברה ש"ס | Kleins mini market |
| 121 Clapton Common ויזניץ לונדון | 89 Stamford Hill וויזניץ |
| 26 Lampard Grove פשעווארסק | Stamford Lodge |
| 45 Moundfield Road ביאלא | Warwick Court |
| Vartery area ביהמ"ד קנה בושם | Yetev Lev Court |
| 45 Heathland Road פינטער'ס | Carlton Mansions |
| ביהמ"ד אבני קודש 34 Theydon Road | Symour Ct |
| 33 Paget Road רוזין | Fairview Grocery |
| | Berrys Holmwood |
| | Hatzlacha Grocery |

**מקוואות און געשעפט אייגנטומער:** פאר סיי וועלכע הערות אדער אינפארמאציע בנוגע דעליווערי'ס און דיסטריביושען ביטע רופט: 07894907879

נומער 411# // פר' אחרי-קדושים תשפ"ג לפ"ק

# אינהאלט

3 רעדאקטאר'ס טישל
4 למעשה גערעדט
6 על הפרק
8 מללו מילא
12 פארזעצונג
16 לעטר פתורא
17 מתיקא כדובשא
28 מחשבות
31 חמרא טבא
38 ותימרון חידושא
39 לעטר פתורא
44 ווער געדענקט?!
46 הילולא דצדיקיא
47 ואלין מליא
48 למען תספר













**קלארשטעלונג:** שבת בשבתו אויסגאבע איז געאייגנט אהיימצונעמען לכבוד שבת פאר די משפחה צו הנאה האבן און נישט צו טראגן אין די בתי מדרשים און זיכער נישט צו ליינען בשעת'ן דאווענען.

כל מה דעביד רחמנא לטב עביד //

# אלעס א דאנק דעם פראסק

די וואך האב איך געהערט אן אינטערעסאנטע מעשה מיט א גאר שטארקע לימוד. איך טייל עס דא מיט מיט אייך, זאלן אנדערע אויך זיך פון דעם לערנען.

ליידער האט די משפחה געמוזט אויפנעמען דעם פאקט און אנערקענען דאס מציאות אז די חשוב'ע באבע זייערע איז מער נישט ביים פילן זינען און קען זיך נישט אליינס באוועגן. די געטרייע באבע, די באבע וואס אלע אייניקלעך האבן אזוי ליב געהאט און געגליכן צו זיין אין איר סביבה, איז מיט עטליכע מאנאטן צוריק אריינגעפירט געווארן אינעם לאקאלן 'אלד-עידזש-האום' וואו מ'געבט זיך דארט אפ מיט איר ביותרת הכבוד.

שמוליק, א בחור'ל אין די יארן, איז פון שטענדיג געווען דער איבערגעגעבענער אייניקל, און פון ווען באבי האט זיך אינעם האום אריינגעצויגן מאכט ער זיכער נישט צו פארפעלן אפי' איין טאג פון איר גיין באזוכן און פריילין מאכן, כאטש וואס נישט אלעמאל קומט עס אן לייכט. ער וועט תמיד זיכער מאכן צו אריינגיין פאר אפאר מינוט און זיך אינטערעסירן אין איר מצב און אין איר וואוילזיין.

ווי זיין געווענליכע שטייגער איז דער איבערגעגעבענער אייניקל - דער איידעלער שמוליק - געקומען באזוכן זיין באליבטע באבע אינעם אלטעס-היים וואו זי געפונט זיך אצינד. ביים היינטיגן באזוך האט ער באלד ביים אריינקומען באמערקט אז די באבע איז נישט אינעם בעסטן גוסטע, אבער ווי א וואוילער אייניקל האט ער שיין באגריסט די באבע און מיט איר פרובירט צו שמועסן.

"וואו איז מיין ברילן?" האט די באבע זיך גענומען שרייען היסטעריש, "ברענג מיר שוין מיין גלעזער, נו, שמוליק וואו איז עס?" האט זי נישט נאכגעלאזט.

דער צדיק'ל האט זיך נישט געבייזערט אדער צוטון געמאכט פונעם באבעס יללות, נאר זיך גענומען זוכן באבי'ס גלעזער.

"דא באבי, דא איז די גלעזער." האט שמוליק געזאגט דערלאנגענדיג פאר'ן באבע אירע פאר ברילן.

די באבע, זייענדיג אזוי צערודערט, האט זיך געגעבן א שטעל אויף און דערלאנגט צוויי געזונטע פראסקעס פארן אומשולדיגן אייניקל, שרייענדיג דערביי "פארוואס האסטו באהאלטן מיינע גלעזער, דו גנב..."

שמוליק, וויסנדיג אז די באבע איז נישט הונדערט פראצענט דאהי'... האט זיך געביסן די ליפן און געהאלטן שטיל, ער האט אנגענומען די שטרענגע רייד און שטארקע קלעפ.

ביי די זייט פון אונזער באבי.. איז געזעסן א צווייטע באבע; א רעבעצין, א חשוב'ע פרוי, וואס האט אויפגעהאדעוועט א הערליכע שטוב פון חשוב'ע מרביצי תורה, רבנים ודיינים. זעענדיג ווי איר שכנ'טע דערלאנגט צוויי פרעסק פאר די אייניקל און ווי דער אייניקל בלייבט שטיל און ענטפערט גארנישט צוריק, האט זי זיך באלד פארבינדן טעלעפאניש מיט איר'ס א זון, אן ארויפגעקוקטער מרביץ תורה, און אים דערציילט אז דא מיט איר געפונט זיך די פאסיגסטע שידוך פאר זיין טאכטער. זי האט דערציילט איבער זיין איידלקייט, איבער זיינע וועכנטליכע באזוכן, און ווי ער האט געכאפט שלעק פון זיין באבע און גארנישט רעאגירט. דער זון איז מורא'דיג נתפעל געווארן און אביסל שפעטער איז טאקע געשלאסן געווארן דער שידוך בשעטו"מ.

עס איז געקומען דער גרויסער טאג פונעם חתונה, נאכ'ן מעמד החופה איז דער חתן אריין מיטן כלה אינעם יחוד שטיבל און איר געפרעגט "איך קען פון דיר בעטן א טובה?" די כלה האט גלייך מסכים געווען צו אלעס וואס ער גייט וועלן.

"איך האב א באבע אין א היים נישט ווייט פן דא, איך וואלט געוואלט דיין ערלויבעניש איר צו גיין וואונטשן מזל טוב אין אונזער גרויסע טאג. ביסטו מסכים?" האט ער אראפגעלייגט זיין באגער.

"עממ.. יא אוודאי, דו האסט מיין פולסטע רשות. אבער אויב איך מעג דיר פרעגן עפעס, ווי איך האב געהערט האט יענע באבע דיר אמאל דערלאנגט פעטש.. און דו ווילסט נאך גיין יעצט צו איר?"... האט זי געפרעגט אביסעלע צעמישט.

"עה, דאס איז פארוואס איך וויל צו איר גיין, ווייל ווען נישט יענע צוויי קלינגעדיגע פעטש געפון איך מיך נישט יעצט דא היינט!!!" האט דער חתן ערקלערט.

***

יא, וויפיל מאל כאפן מיר פעטשלעך, קלעפ, אדער קליינע פראסקעס.. אבער דאס איז וואס ברענגט אונז צו אונזערע גוטע אדער בעסערע פלעצער.

קוק וואו דו שטייסט היינט; איז עס נישט א דאנק עפעס אויף וואס דו האסט געוויינט נעכטן? איז עס נישט צוליב א פראסק וואס האסט אמאל געכאפט... דער באשעפער'ס פעטש זענען אלס לטובה; אנצוקומען, דערגרייכן אדער צו באזיגן עפעס גרויס...

לאמיר זיך נישט לאזן צעקלאפט ווערן פון א פראסק, נאר שווייגן אוןווארטן פארן גוטן ארויסקום, פאר די ענדגילטיגע תוצאה.

האט'ס א לעכטיגן שבת! ש

# פאר וועמען האט דער קייסער געשריגן "בראווא"?

ביים צאר ניקאליי איז געווען אמאל א מעשה אז ער איז געקומען באזוכן אין זיין ארמיי. דער סדר איז געווען אז מ'שטעלט אויס אלע סאלדאטן אין א שורה און דער מלך גייט דורך און באטראכט אלעס.

עס האט געהייסן אז דינסטאג צוועלף אזייגער קומט דער צאר אן. שוין פון 11:30 זענען אלע סאלדאטן געשטאנען ווי גלייכע תבואה, אזוי ווי עס פאסט פאר כבוד המלכות. עס ווערט 12:00 און אפילו 12:30 און דער צאר איז נישטא.

עס איז פונקט געווען א הייסע טאג, די זון האט געבאקן און געבראטן, און די סאלדאטן – מיט זייערע שווערע קליידער – זענען כמעט צושמאלצן געווארן, אבער וואס קען מען טון?

וואס קען מען טון? מ'קען שוין איינמאל טון. ממש נעבן די שורה איז געווען א טייכל, און ווען מ'געט א טאנץ אריין דארט קילט מען זיך אפ א מחי'!

ביי יעדער סאלדאט איז געווען די איינציגסטע בקשה יעצט צו באקומען רשות צו געבן א טאנץ אריין נאר פאר איין מינוט אין דעם טייכל. אבער ווי קען מען דען באקומען רשות ווען דער צאר קומט אן יעדע מינוט. האט מען געשוויצט.

עס דארף דאך אבער אייביג זיין איין אויבער חכם.. און עס איז דא אויך געווען. דער איינער האט געטראכט אז עס וועט זיכער געלונגען, איך פלעג דאך אמאל מאכן א מקוה אין 3 מינוט, ער מאכט "ופשט את בגדיו" און ער טאנצט אריין צו די קנאה בליקן פון אלע זיינע שכנים.

און פלוצלינג הערט מען דער פייף! דער צאר איז דא!

א שרעק איז אריבער אויפן הארץ פון דעם סאלדאט, וואס טוט מען דא?

א איד גיט זיך אבער אן עצה; ער שטעלט זיך אריין אין די שורה, אזוי ווי ער שטייט און גייט ("ואת ערום ועריה"). דער קייסער גייט דורך, און ער געט א שטרענגע מאוימ'דיגע בליק: "וואס איז דאס?"

דער סאלדאט האט זיך נישט פארלוירן, און ער געט א שריי אויס: "אדוני המלך, ווער דינט דיר? איך אדער מיינע קליידער?! 'איך' בין דא פאר דיר!"

און דער קייסער האט געשריגן "בראווא!"....

(ספר מעדנים לנפשיך ח"א עמוד תרל"ב, מביאו מ"וואס געדענקסטו" עמוד 94).

***

דער קייסער האט נישט געשריגן "בראווא" פאר קיינעם פון די אנדערע סאלדאטן; צי ער איז טאקע חשוב'ער ווי אלע אנדערע?

אלע אנדערע סאלדאטן זענען שוין לאנג געשטארבן און קיינער ווייסט נישט פון זיי צו זאגן, און דער איין חברה-מאן פון אים רעדט מען, און פון זיין מעשה לערנען מיר זיך?

דער ענטפער איז פשוט, אבער עס איז כדאי אויסצושמועסן.

אוודאי האט ער געטון א זאך וואס איז נישט ריכטיג, און ער דארף באקומען א שטראף.

אבער פון די אנדערע זייט האט ער באוויזן מער ווי די אנדערע סאלדאטן.

זיי האבן געדינט דעם מלך מיט א שטארקייט, און אפשר אפילו מיט מסירות נפש, אבער אין געוועהנליכע מצבים.

דער סאלדאט וואס איז דורכגעפאלן, ער האט געדינט דעם מלך אין נישט געוועהנליכע מצבים.

ער האט זיך געשטארקט ווען דער נאטורליכער וועג איז אויפצוגעבן, און ער האט אנטדעקט ביי זיך אן אמת'ע געטרייאפט צום מלך, אזאנס וואס אין געוועהנליכע אומשטענדן איז עס נישט פארהאן.

עס קען אויסקוקן אז דער סאלדאט האט דא גארנישט געזאגט, ער האט דאך פשוט זיך געוואלט ראטעווען. אבער ניין, פאלשע רייד רעדן נישט צו קיין קעניג, דער סאלדאט האט דא מיט שטארקייט געטראפן צום פינטל; איך בין א סאלדאט פארן קעניג, און אויך אין דעם מצב בין איך דא פארן קעניג.

דאס איז א באזונדערע געטרייאפט וואס דער סאלדאט האט באוויזן.

מיר שטייען פרשת קדושים, ווען מיר דארפן זיך מחזק זיין אין "קדש עצמך במותר לך", עס איז אויך אינמיטן די ימי הספירה, טעג פון הכנה צו קבלת התורה.

דו דארפט זיך מחזק זיין!
וויאזוי, דו דארפסט וויסן אז אויב דו מיינסט טאקע דעם באשעפער קענסטו יעצט טון א זאך וואס אנדערע קענען נישט!

וויפיל מאל שפירן מיר די סארט הרגשה פון גענוג איז גענוג.

כ'האב שוין אזוי פיל מאל געוואלט/פרובירט און אלעמאל טרעף איך זיך ביים אלטן.

יא אמת! דער מצב איז טאקע נישט גוט, דו דארפסט תשובה טון, און טו דאס טאקע שוין, אבער חוץ תשובה טון דארפסטו נאך עפעס.

דו דארפט זיך מחזק זיין! וויאזוי, דו דארפסט וויסן אז אויב דו מיינסט טאקע דעם באשעפער קענסטו יעצט טון א זאך וואס אנדערע קענען נישט!

זיך מחזק זיין ווען דו ביסט אינגאנצן נאקעט, דאס איז א ספעציעלע עבודה וואס איז אן עקסטערע נחת רוח פאר השי"ת.

און דער קעניג – וואס איז השוכן אִתָּם בתוך טומאותם – שרייט "בראווא!" ■

# הזמנה של מצוה

הננו מתכבדים בזה להזמין את תושבי עירנו שיחי'

# למסיבה של מצוה

**לטובת מוסדות "דעת שלום" שאץ באנטווערפען**

ע"ש כ"ק אדמו"ר הגה"ק מהר"ש מאסקאוויטש משאץ - לאנדאן

**בהשתתפות הרה"ג ודייני העיר שליט"א**

שתתקיים אי"ה

## ביום ג' פרשת אמור

בבית ידידינו הרה"ח ר' **דוד האכבערג** נ"י

**15 Firsby Road**

**משעה 7.30 בערב**

המחכים לקראת בואכם לשלום

**נפתלי הערץ כהנא - ישראל ראנד - אברהם גליק**

**בנימין בארד - ישראל צבי (הערשל) ראטטענבערג**

**יואל בער מאנדל - יהודה אליעזר יונגער**

המסיבה מוקדש לעי"נ תלמידנו היקר, האברך החשוב הר"ר שלמה יוסף ז"ל בן יבלחט"א הר"ר בנימין אליעזר הלוי בערגער שליט"א

ולעי"נ הרה"ח ר' יוסף ווייס ז"ל (ב"ר מנחם) שערך המסיבה בביתו בכל שנה

היסטארישע 'אויפדעקונג':

# די סגולה צו אריכת ימים

"אמר המחבר, החיבור הזה לא חברתיו ללמד לבני האדם את אשר לא ידעו, אלא להזכירם את הידוע להם כבר ומפורסם אצלם פירסום גדול." אט דאס זענען די ווערטער מיט וואס דער הייליגער גאון וקדוש רבי משה חיים לוצאטו זי"ע (יארצייט כ"ו אייר - ספירת יסוד שביסוד) הייבט אן די הקדמה פון זיין הייליגן ספר "מסילת ישרים".

צומאל זענען דא זאכן וואס זענען זייער פשוט און קלאר ביי יעדן אז אזוי דארף צו זיין, אבער טאקע פארדעם, איז די שכחה מצוי און מענטשן פארגעסן פון טון די פשוט'ע זאכן, און מיט דעם טרעטן זיי ל"ע אויף פילע גופי תורה ה'". "אלא שכפי רוב פרסומם וכנגד מה שאמתתם גלויה לכל, כך ההעלם מהם מצוי מאד והשכחה רבה."

אין זיינע פוס טריט, מיט זיין גייסט, וועלן מיר אצינד ווידמען אונזער היינטיגע מאמר. טראץ וואס אונז וועלן מיר היינט שרייבן איבער א נושא וואס איז 'גלוי ומפורסם אצלנו פירסום גדול' איז עס אבער ליידער אין א בחינה פון 'השכחה מצויה'..

## נוגע היינטיגע צייטן

די וועלט טראגט ארום א [ביטער] ווערטל אז ס'איז אמאל געווען א בחור אין ישיבה וואס דער מגיד שיעור זיינער האט אים אנגעטראגן צו מאכן מיט אים א חברותא צו לערנען הל' כיבוד אב ואם, האט אים דער בחור געזאגט אז ער וואלט געוואלט ענדערשער לערנען א הילכתא וואס איז נוגע היינטיגע צייטן אויך...

ליידער איז דאס אן אומבאַ'טעמ'טע מציאות, ווען אין די דור פון 'חוצפה יסגא' איז ליידער געווארן די מצוה פון 'כיבוד ומורא אב ואם' א מצוה וואס זייער אסאך ווערן אין דעם נכשל, בפרט אין די יונגערע יארן אידער מ'איז אליינס זוכה צו טראגן די טיטל טאטע אדער מאמע.

נאך ערגער ווערט דאס ווען א בחור'ל אדער מיידל קומען אן צו די צענערלינג יארן, מ'ווערט א גאנצע פארשטייער, מ'פילט זיך איינגז מיט טאטע-מאמע, און מ'טרויעט זיך צו טרעטן אויף זייער כבוד און נישט פאלגן וואס מ'הייסט, אדער נאך ערגער, רעדן מיט חוצפה און זלזול רח"ל.

אצינד, ווען די וואך שטייט אין די סדרה די מצוה פון 'איש אמו ואביו תיראו', איז א געלעגנהייט צו רעדן אביסל איבער דעם ענין לעורר לבבב פון ערליכע אידישע קינדער איבער די געוואלדיגע מצות התורה פון כיבוד ומורא אב ואם.

## זיי נישט קיין 'נבל ומתנכר'!

דער הייליגער 'חינוך' שרייבט די שורש המצוה פון כיבוד או"א, וז"ל: "משרשי מצוה זו, שראוי לאדם שיכיר ויגמול חסד למי שעשה עמו טובה, ולא יהיה נבל ומתנכר וכפוי טובה, שזו מדה רעה ומאוסה בתכלית לפני אלוקים ואנשים. ושיתן אל לבו כי האב והאם הם סיבת היותו בעולם ועל כן ראוי לו שיעשה להם כל כיבוד וכל תועלת שיוכל."

איר הערט ווערטער? איינער וואס איז חלילה נישט נזהר אין דעם ענין, באקומט א טיטל! ער ווערט גערופן א 'נבל ומתנכר' וואס איז א 'מדה רעה ומאוסה בתכלית'.

טייערע אידן, - בעיקר זענען מיינע ווערטער געצילט צו די וואס זענען נאך אין די יונגע עלטער מיט רתיחת הדמים, וד"ל - לאמיר זיך מתבונן זיין אין אט די הייליגע מצוה און נישט ח"ו נכשל ווערן אין חמורות שבחמורות ממש. לאמיר אלע געדענקען אז די אלע הלכות זענען נוגע 'היינטיגע צייטן' אויכעט ויש דין ויש דיין.

אז מ'קוקט אריין אין שו"ע יו"ד סי' ר"מ, די הלכות פון כיבוד ומורא, כאפט א פחד ווי ווייט מ'דארף נזהר זיין בכבודם פון אונזערע טאטעס און מאמעס. עס איז ראטזאם אז יעדער איד וואס האט נאך עלטערן לאוי"ט זאל אדורכלערנען די הלכות און עס קענען גוט אויף צו וויסן וויאזוי מ'דארף זיך באגיין צו זיי."

## די עדות פונעם חזון איש

הגאון הרב משה טורק האט פארציילט אז ער האט אמאל געברענגט איינער פון זיינע תלמידים צום מעון הקודש פון הגה"ק בעל חזון איש זצ"ל. דער תלמיד איז געווען א 'תל-אביב'ער קינד, נישט געוויסט קיין סאך, און מיט זיין תמימות האט ער געפרעגט דעם גאון בעל החזון איש וויאזוי ער איז אנגעקומען צו אזעלכע גרויסע מדרגות.

דער ר' משה האט זיך זייער געשעמט מיט די שאלה, אבער דער חזון איש האט זיך צושמייכלט און געזאגט, "צוויי זאכן. איינס, איך האב נישט גע'בטל'ט קיין רגע, כ'האב שטענדיג אויסגענוצט די צייט. און צווייטנס, איך בין שטענדיג נזהר געווען אין די מצוה פון כיבוד אב ואם."

## ס'איז א סגולה...

לסיום הענין. אין די היינטיגע וועלט האט מען זייער ליב סגולות. סתם א מצוה רעדט שוין ליידער נישט צו די מענטשהייט, אלעס מוז קומען מיט הבטחות און סגולות חדשים לבקרים. דוק ותשכח, מ'האלט נאך אין די וואך פון ג' אייר...

איך האב פאר אייך א מציאה. א סגולה וואס האט גאר א גוטע מקור.. ס'ווערט געברענגט א בפירוש'ע הבטחה אז אויב איז מען נזהר אין די מצוה פון כיבוד אב ואם דאן איז מען זוכה צו אריכות ימים. די 'סגולה' ווערט געברענגט אין ספר שמות (כ' י"ב) "כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך". דאכט זיך מיר אז אין יעדע בית המדרש איז דא צו באקומען דעם 'ספר'.. ס'וואלט נישט געשאדט זאלסט עס נאכקוקן פון אינעווייניג...

ערבים רעגיסטראציע תשפ"ג <<<

# א קליינע
## אבער זייער א וויכטיגע
# התחייבות

!



שליסט זיך שוין אן מיט
די מינימאלישע התחייבות
פון £7 פאר א יתום.

די שטערקסטע אחריות!
די גרעסטע זכות!

די אחריות
אויף יעדן ראש בית אב

ערבים
כל ישראל ערבין זה בזה

020 3137 6575
Email: info@areivim.co.uk
Web: **areivim.co.uk**


לע"נ מרת חי' ע"ה בת ר' יצחק דוד שלום זצ"ל נלב"ע בדמ"י י"ז מרחשון תש"נ לפ"ק ולע"נ ר' אברהם צבי ב"ר ישראל ז"ל נלב"ע כ"ח מרחשון תשפ"ג לפ"ק



# דער זעלבער באשעפער

## אויך דא אין וויען

**דער זעלבער באשעפער איז אויך דא אין וויען**

דער הייליגער צאנזער רב, הרה"ק בעל "דברי חיים" זצוק"ל, איז באוואוסט געווען אלס געוואלדיגער בעל צדקה, און פלעגט געבן ריזיגע סומעס געלט פאר צדקה. כאטש וואס פאר זיינע אייגענע געברויכן און די געברויכן פון זיין הויז-געזינד האט ער זייער געשפאָרט, אבער פאר צדקה האט ער איבערגעדרייט זיין נאטור און פלעגט ספענדן זייער אסאך.

אין א געלעגנהייט, האט דער הייליגער צאנזער רב געדארפט פארן קיין וויען זיך צו היילן, ווייל ווי באוואוסט איז ער פאר לאנגע יארן קראנק געווען אויף די פיס. צוזאמען מיט אים איז געפארן זיין זון, דער הייליגער גארליצער רב זצוק"ל. אונטערוועגנס, פארנדיג אויפן באן, האבן זיי באגעגנט צוויי חשוב'ע תלמידי חכמים, אייניקלעך פונעם הייליגן נודע ביהודה זצוק"ל, און דער הייליגער צאנזער רב האט זיי אויפגענומען בכבוד גדול ובסבר פנים יפות, ווי עס פאסט פאר אייניקלעך פון אזא הייליגן גאון. דער הייליגער גארליצער רב האט זיך פארגעשטעלט, אז ווי דער שטייגער פון תלמידי חכמים וועלן זיי מסתמא רעדן מיטן טאטן אין לערנען. ער האט זיי געלאזט רעדן מיט אים, און ער איז געגאנגען ערגעץ אנדערש.

דערווייל האבן זיי דערציילט פארן צאנזער רב אז זיי זענען יעצט עוסק אין א דבר מצוה פון פדיון נפש, און אים געפרעגט אויב ער וועט זיי קענען העלפן מיט א שיינע נדבה לכבוד די חשוב'ע מצוה! דער צאנזער רב האט נישט צופיל געטראכט, און האט גלייך ארויסגענומען דעם גאנצן פעקל געלט וואס ער האט אנגעגרייט פאר די נסיעה קיין וויען, וואס דארט איז געלעגן זייער א גרויסע סומע וואס זיי האבן געדארפט האבן פאר די וועגן, און צו באצאלן פאר די דאקטוירים און אלע ארומיגע אויסגאבן. צו זייערע פארוואונדערטע אויגן האט ער אויסגעליידיגט דעם גאנצן פעקל און עס זיי געגעבן.

ווען די באן איז אנגעקומען צום גרויסן שטאט וויען, און דער צאנזער רב מיטן גארליצער רב זענען ארויסגעגאנגען פונעם באן־סטאנציע צו די רוישיגע שטאט, האט דער גארליצער רב געבעטן דעם טאטן אביסל געלט צו דינגען א וואגן וואס וועט זיי נעמען צו איינע פון די האטעלן פון שטאט, וואו זיי וועלן זיך אויפהאלטן ווילאנג זיי געפינען זיך אין וויען.

האט אים דער צאנזער רב דערציילט די גאנצע מעשה וואס איז פארגעקומען אויפן באן, ווי ער האט געגעבן זיין גאנצע געלט פאר די אייניקלעך פונעם נודע ביהודה, וועלכע האבן עס אים געבעטן פאר פדיון שבויים, און יעצט האט ער נישט קיין פרוטה לפורטה, נישט פאר די האטעל, און אפילו נישט צו דינגען א פערד און וואגן...

הערנדיג די ווערטער, איז דער גארליצער רב שטארק דערציטערט געווארן. וויאזוי קען מען אנקומען אין א פרעמדע שטאט אן א פרוטה? וואס גייט מען יעצט טון?

פארזעצונג אויף זייט 10

## קהל "תורת חיים" דליעזש

ביהמ"ד וכולל בנין יהושע
ע"ש כ"ק מרן רבינו הק' זי"ע
בנשיאות בניו כ"ק מרנן האדמורי"ם שליט"א
בהנהלת הרב נתן נטע דוב שרייבער שליט"א ראש הכולל
37 Craven Walk London N16

# ברכת מזל טוב

קדם ידידנו היקר והנעלה מגזע שרפי מעלה
מחשובי מתפללי בית מדרשנו עומד תמיד הכן לימין קהלתנו
ברוחניות ובגשמיות בכל שעות היום והלילה
איש האשכולות צדקה וחסד לו עשר ידות

הרה"ח הנגיד המפו'

## ר' אהרן נפתלי פריעדמן שליט"א

נכד הגה"ק המפו' זי"ע הרבי מטרעסיף

## לרגל שמחת קשרי השידוכין של בנו

החתן כהלכה כלי מחזיק ברכה סוע"ה בנש"ק
הרב אברהם נ"י
נין ונכד הרבני הנגיד המפו' איש החסד
לבו כלב הארי להטיב מיקידי וחשובי קהלתנו
**הרה"ח ר' אברהם סיגעל ז"ל**

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין
ותפלתנושידאה מע"כ מבנו חתן נ"י ומכל יוצ"ח
רוב נחת דקדושה במדה גדושה לתפארת האבות
מתוך שובע שמחות ורוב ברכות וכל טוב סלה

כעתירת ידידיו השמחים בשמחתו

הגבאים והמתפללים הראש הכולל וחברי הכולל

זיי שטייען דא אינמיטן דעם רוישיגן הויפט גאס, וואו עס זענען דאן כמעט נישט געווען קיין חסידים, אין א פרעמדע שטאט וואס דאס מערהייט פון די איינוואוינער זענען גוים, און ווייסן נישט וואו זיך צו ווענדן.

האט ער זיך אנגערופן צום הייליגן טאטן און געפרעגט מיט גרויס זארג: אויב אזוי, וואס זאלן מיר יעצט טון? האט דער טאטע געזאגט צו אים, אויב האט מען נישט די מעגליכקייט צו אריינגיין אין א האטעל, און אויך נישט צו דינגען א פערד און וואגן, לאמיר אריינגיין אין א נאנטן בית המדרש, כאטש וועט מען לערנען אביסל...

זיי זענען אריינגעגאנגען אין א בית המדרש, אוועקגעלייגט די פעקלעך אין א זייט, און דער צאנזער רב איז גלייך צוגעגאנגען צום ספרים שאפע, ארויסגענומען א גמרא און זיך גלייך גענומען לערנען מיט גרויס דביקות כדרכו בקודש, פארגעסנדיג די גאנצע וועלט ארום, אזוי ווי עס גייט אים בכלל נישט אן צי זיי זענען יעצט אין וויען אדער אין צאנז...

דער גארליצער רב האט זיך אבער נישט געקענט בארואיגן זעענדיג די שווערע מצב, און האט באשלאסן ארויסצוגיין איבער די שטאט, פרובירן שאפן אביסל געלט אדער כאטש אן אכסניא וואס זאל זיין פאסיג פארן גרויסן טאטן. אזוי האט זיך דער גארליצער רב געדרייט איבער די גאסן פון שטאט אהין און אהער, אינדערצייט וואס דער הייליגער רבי זיצט אין שול און לערנט רואיג און געשמאק.

עס איז נישט דורכגעגאנגען קיין סאך צייט, און פלוצלינג קומט אריין אן אומבאקאנטער איד אין שול. אויף זיין אויסזען האט מען געקענט זען אז ער קומט פון דייטשלאנד, און איז זייער א פארמעגליכער איד. פלוצלינג האט דער איד באמערקט דעם הייליגן "דברי חיים" ווי ער זיצט אין א ווינקל און לערנט מיט גרויס התמדה, איז ער גלייך צוגעלאפן צו אים מיט גרויס שמחה און מיט א שטראלנדיגע געזיכט, זאגנדיג "שלום עליכם, חיים! וואס מאכסטו? מיר האבן זיך שוין לאנג נישט געזען"...

גאנץ שנעל האט דער צאנזער רב זיך דערמאנט, אז דאס איז זיין יוגנט־פריינד וועלכער האט געלערנט צוזאמען מיט אים מיט יארן פריער, ביי זיין גרויסן שווער דער הייליגער ברוך טעם אין די שטאט לייפניק. פון דעמאלטס זענען שוין דורכגעגאנגען אסאך יארן וואס זיי האבן זיך נישט באגעגנט. דער איד האט אים געפרעגט וואס ער מאכט, און אויך האבן זיי גערעדט אין לערנען, און דער איד האט זיך געפריידט צו רעדן מיט אים אין לערנען.

נאכן אויסטוישן אביסל זכרונות פון פריערדיגע צייטן, האט דער חבר געפרעגט דעם דברי חיים: אויב וואוינט איר אינעם ווייטן שטאט צאנז, וואו דו ביסט א רב און אב־בית־דין, וואס האט אייך אהערגעברענגט קיין וויען? האט דער דברי חיים אים פארציילט, אז וויבאלד ער דארף זיך לאזן היילן זיין קראנקן פוס, האט ער געמוזט מאכן די גאנצע לאנגע וועג כדי צו באזוכן די גרויסע פראפעסארן דא אין שטאט.

און וואו שטייסטו איין, מיין פריינט? האט דער חבר געפרעגט. האט דער דברי חיים אים דערציילט דעם גאנצן אמת, אז דערווייל בלייבט ער נעכטיגן דא אין בית המדרש, וויבאלד עס איז אים גארנישט געבליבן פון זיין געלט! דער חבר, וועלכער איז געווען א גרויסער עושר, איז זייער באגייסטערט געווארן, זעענדיג זיין גוטן חבר אין זיין ענגשאפט, און האט גלייך אויפן ארט ארויסגענומען גאר א גרויסע סומע געלט, וואס איז געווען גענוג צו דעקן אלע אויסגאבן וואס דער רבי וועט דארפן האבן אין וויען, און נאך מיט א שמיץ אריבער!

דער רבי האט אים הארציג באדאנקט, און האט אים אפגעזעגנט לשלום מיט א שיינע ברכה. דער צאנזער רב האט זיך גלייך צוריקגעזעצט לערנען, און האט זיך גאנץ שנעל צוריק אריינגעלאזט אין די טיפענישן פון די סוגיא וואו ער האט פריער געהאלטן.

אביסל שפעטער איז דער גארליצער רב צוריקגעקומען אין שול מיט א צובראכענעם געמיט, וויבאלד אין די גאנצע צייט איז אים נישט געלונגען צוזאמצושטעלן קיין געלט אדער טרעפן אן עצה. דער גארליצער רב האט נישט געוואוסט וואס צו טון, וואו וועט דער צדיק לייגן זיין קאפ?!

אריינקומענדיג אין שול, האט ער געזען ווי זיין טאטע זיצט באהלה של תורה, פארטיפט אינעם סוגיא מיט רואיגקייט. עס האט אויסגעזען ווי ער האט אינגאנצן פארגעסן וואו זיי געפינען זיך, און פארוואס זיי זענען אהערגעקומען, און אויך איבער דעם גרויסן ענגשאפט אין וועלכע זיי געפינען זיך... צוליב די אומשטענדן איז ער צוגעגאנגען צום טאטן, און אים ערקלערט די שוועריקייט פונעם מצב...

צו זיין שטוינונג, האט דער דברי חיים ארויסגעשלעפט פון קעשענע דעם בינטל באַנקנאָטן וואס ער האט נארוואס באקומען פון זיין חבר דער גביר, און האט עס געוויזן פאר זיין זון. דער גארליצער רב איז געבליבן שטיין פארוואונדערט. וויאזוי קען דאס זיין? איך האב זיך געדרייט אין שטאט עטליכע שעה און פרובירט ביי אסאך מענטשן, אפילו ביי די גרויסע גבירים, און כמעט גארנישט איז אריינגעקומען... און דער טאטע וועלכער איז געבליבן זיצן אין בית המדרש, האט פלוצלינג פארשאפט אזא גרויסע סומע?

האט אים דער צאנזער רב דערציילט, אז זיין אלטער פריינד איז דא אריינגעקומען, און האט אים געשאנקען די גאנצע סומע. זעענדיג ווי זיין זון איז אזוי פארוואונדערט פון דעם מופת און ישועה וואס איז אזוי פלוצלינג געקומען, האט דער דברי חיים איז געזאגט: וואס האסטו דען געמיינט, אז דער אויבערשטער געפינט זיך נישט אין וויען? דער זעלבער רבונו של עולם וואס געפינט זיך מיט אונז אין צאנז, געפינט זיך אויך דא אין וויען! ש

[טיב המעשיות]



# דער ריזיקאלישע מיסיע

שמואל סופר

**אין קורצן פון פריער:**

עטליכע גוטע מינוט'ן האט גדלי' געהאט אין די לעצטע טעג. נאך עטליכע יאר וואס ער איז געווען איבערגעצייגט אז ער האט אנגענומען די קריסטליכע גלויבן מיט זיין אייגענע ווילן הערט ער פון פיוטער בארנעוו אז די טויפונג האט מען דורכגעפירט ווען ער איז געווען באוואוסטלאז.

אויך די ערשטע אויפטריט פון זינגעריי איז אריבער מיט א גרויסן סוקסעס. אבער אויב האט זיך גדלי' געוואלט איינרעדן אז ער קען שוין אפאטעמען פרייערהייט האט ער געגרייזט.

אהיימקומענדיג פון די ערשטע אויפטריט האט אים אפגעווארט א בריוו פון די מיליטער. אין בריוו האט מען אים געבעטן אז ער זאל זיך קומען שטעלן אויף א פאראהער אין די מיליטערישע ביורא'ען.

דער בריוו איז געווען אונטערגעשריבן דורך דער הויפט קאמאנדיר און דאס אליין האט גורם געווען אז גדלי' זאל פארדעכטיגן אז דערונטער פון דעם בריוו ליגט עפעס טיפער ווי נארמאל.

**און אצינד לייענט ווייטער:**

**פעטערבורג 1857**

נאך א ווארעמע שחרית און א שנעלע פרישטאג האט זיך גדלי' געטראפן שטיין אין די לאקאלע ביורא פון דער הויפט קאמאנדיר.

עס וועט נישט זיין די ערשטע באגעגעניש מיט דער הויפט קאמאנדיר אבער עס וועט יא זיין די ערשטע מאל ווען ער וועט זיך דארפן שטעלן פאר אים.

אין געווענליכע אומשטענדן וועלן אנדערע זיך אפגעבן מיט די זייטיגע זאכן און צו דער קאמאנדיר קומט נאר אן די גרעסערע זאכן, אבער אין דעם פאל האט ער געדארפט שטיין פאר דער קאמאנדיר אליין.

זיינע הענט און פיס האבן געטרייסעלט פאר שרעק, אבער צו זיין וואונדער האט דער קאמאנדיר אים אויפגענומען מיט א זעלטענע פריינטליכקייט וואס פאסט נישט פאר אים.

"איך האב דיר נעכטן געהערט זינגען. איך מוז דיר זאגן אז דו זינגסט זייער שיין. איך גלייב אז עס ווארט דיר אפ א גרויסער צוקונפט אין די זינגעריי וועלט..."

גדלי' איז געווען אנטציקט פון די שיינע קאמפלימענט.

"אבער..."

און יעצט איז עס געקומען צוגיין....

"געוויס פארשטייסטו אז די וועלט האט א סדר. דיין זינגעריי איז וויכטיג אבער דיין ארבעט אין די מיליטער איז נאך וויכטיגער. איך וועל דיר זאגן נאך מער, מיר

פארזעצונג אויף זייט 14

מזלא טבא וגדא יאה

פּתּלּי אילה שלוחה, פירות גינוסר מלא מסירות נפש וחכמה
עולותיו לטובה זכה, אשרי העיר לונדון שלו ככה
טופנה שפתותיו מור עובר, בעידן שמחות עוזר
חן ולכבוד צּבּי באמרי שפר, הוגה בערב וצפר
רבה תורה ויאדיר, ובמעשי **בנין עולם** בהוד והדר

פר וערב נושא משאת אחינו בני ישראל בלבו הטוב והמטיב
רוח נאמנה מקיים **עולמות מלאים** בכל עת, רב זכיותיו
זכה ביחד עם ביתו לדורות ישרים ומבורכים, שם טוב יצא לפניו

לידידינו היקר והחביב, צנא מלא ספרא, מחבר ספרים יקרים,
בנש"ק, מגזע היחס מהר"י חריף זצ"ל, ועוד

**הרה"ג מוהר"ר נפתלי צבי דעמביצער שליט"א**

לרגל שמחת אירוסי בנו הבחור החביב והיקר עדיו לגדולות כמר **ישראל בעריש** נ"ו
עב"ג בת הרבני התורני הרב ר' **ישכר אהרן האגער** שליט"א
בן ידיד מוסד הק' בוני עולם הרב החסיד רבי **מענדל האגער** שליט"א
בשעה טובה ומוצלחת

ברגשי כבוד והערכה, ברון שיר ושבחה, נקדמה בתודה וברכה, את מעלת כבוד חותנו
ידידנו, ולכל בית ישראל ידיד, הרבני החסיד המרומם,

**הרה"ח ר' שמעון לואיס שליט"א**

**פטרון מוסד הק' "בוני עולם" בעדזשוועד**

**וזימנא קא גרים, בקול שירה להרים, על רב חלקכם להעמיד הדת על תלה בעיר לונדון יצ"ו, ולבנות מאות בתים לתפארה ברוב סייעתא דשמיא ברחבי אירופא, במסירות רבה ונפלאה לכל פרטי' ודקדוקי', לשם ולתהלה.**

ישלם ד' גמולכם ומשכורתכם שלמה מן השמים, מתוך עונג ושמחה, למלא כל משאלותיכם לטובה, לחיי נחת מיוצ"ח בהרחבת הדעת ותענוג דקדושה, במדה מרובה וגדושה, ולילך מחיל אל חיל להוציא מן הכח אל פעולתא, להוסיף תמיד זכותא, וברב טוב הצפון יתברכו בנעימים מעשי אבות סימן לבנים, יעלו ויצליחו למעלה בתורה ומצוות ומעש"ט.

*הנהלת בוני עולם לונדון יצ"ו*

בוני עולם

זענען אונטער גרויסע דרוק אז מיר זאלן דיר באפרייען פון די מיליטערישע דינסט און דיר געבן די מעגליכקייט זיך צו בויען א מוזיקאלישע קאריערע אבער איך נעם עס אפילו נישט אין באטראכט. נישט יעדן טאג געשעט אזא נס און עס פאלט אריין אין די מיליטער אזא געלונגענע צילשיסער ווי דו, און אז עס איז שוין געקומען צו גיין גיי איך דיר נישט ארויסלאזן פון מיינע הענט."

דער קאמאנדיר האט אפגעזאגט זיינס ווען ער געט פאר גדלי' א מינוט צייט צו באשליסן אויב ער וויל גיין דערפאר אדער נישט.

גדלי' האט זיך געוואנדערט צו זיך אליין אויב ער דארף זיך באדאנקען פאר אים פאר די גוטע ווערטער, אבער נאך איידער ער האט עספיעט צו באשליסן האט ער באקומען פון דעם קאמאנדיר די ווייטערדיגע אנווייזונגען.

"איך וויל דיר צוריק דא שוין מארגן. מיר דארפן דא אזא איינער ווי דיר. אין די לעצטע צייט דרייען זיך ארום אלע מיני שמועות איבער מעגליכע אטאקעס און מיר דארפן אזא איינער ווי דיר נעבן מיר. אבער אזוי ווי איך פארשטיי אז דער איבערגאנג וועט נישט זיין גרינג פאר דיר, בין איך גרייט דיר קעגן צוקומען. קענסט באשטימען וועלכע באדינגונגען דו ווילסט."

"וועלכער באדינגונגען איך וויל?!" גדלי' איז געווען שאקירט צו הערן אזא סטעימענט.

אין די באגריפן פון א מיליטער איז דאס א געוואלדיגע דערגרייכונג.

"אז דו ווילסט קען איך דיר ערלעדיגן א העכערונג אין ראנג." האט דער קאמאנדיר פארגעשלאגן.

אזא העכערונג טייטשט זיך אפ אין געלט אדער אין אנדערע פארדינסטן, אבער ביי גדלי' האט עס געהאט א קנאפע באדייט.

"אז דו ווילסט קען איך אריינשרייבן אין די ביכער אז זאלסט קיינמאל נישט דארפן אריינקומען אין דינסט אין די נאכט שעה'ן."

"איך וועל זיך פרייען צו דינען דעם קייזער אין די נאכט שטונדן. דער דינסט פון דעם קייזער איז פיל קריטישער און חשוב'ער ווי מיין נאכט שלאף, אבער אויב עס איז דא עפעס וואס וואלט מיר געקענט העלפן איז, אז איך זאל זיך קענען באשטימען איין טאג אין וואך, ווען איך וועל אייביג זיין פריי פון דינסט. איך וויל אז אין שבת זאל איך קיינמאל נישט דארפן אריינקומען אין דינסט."

דער קאמאנדיר האט אים נאכגעגעבן. אין זיינע אויגן האט גדלי' געקענט דערקענען ווי ער קוקט אים אן נאריש פאר זיין באשלוס, אז כאילו ער באגייט א טעות, אז ער בעט א קלייניגקייט ווען ער קען ווען בעטן ביי אים גאלדענע אוצרות.

גדלי', זעענדיג ווי די זאך שפילט נישט קיין ראלע, האט ער זיך אנגעגארטלט מיט דרייסט און פארגעלייגט נאך א ביטע.

"און איך וואלט אויך געוואלט ווערן באפרייט פון דארפן זיין אין דינסט ווען דער קייזער באטייליגט זיך ביי רעליגיעזע אויפטריטן."

דער קאמאנדיר איז געכאפט געווארן אין סורפרייז. זיינע בליקן האבן עדות געזאגט אז ער האט זיך נישט געראכטן אויף אזא בקשה, אז אין זיינע אויגן האט ער אים אנגעקוקט אלץ איינער וואס האט מער שכל, אלץ א פארשטענדליכער, נישט אלץ איינער וואס האלט נאך דארט.

אבער אין די אויגן פון גדלי' איז עס געווען פונקט פארקערט. אין זיינע אויגן איז דער קאמאנדיר געווען דער נאַר וואס גלייבט אין ערדישע זאכן וואס וועלן זיך איין טאג ענדיגן, ליבערשט ווי אריינלייגן זיין קאפ און מח אין העכערע זאכן, וואס זענען נוגע די אמת'ע וועלט.

"אינטערעסאנט. אין דיין פראפיל ווערט נישט באצייכנט אזא זאך. דו ווייסט אז אזא פארלאנג מאכט דיר קאליע. עס וועט דיר אפהאלטן פון מאכן פארשריט אין דיין פריוואטע לעבן. די געזעץ ערלויבט נישט איינער וואס איז אנגעבינדן אין די אור אלטע מנהגים זיך צו רוקן העכער אין ראנג."

גדלי' האט אים נישט געענטפערט, ער איז נאך געווען איבערראשט פון זיין אייגענע ביטע.

"פון דיינע געבעטן פארשטיי איך אז דיין רעליגיע איז גאנץ שוואך. איך זע עס נישט אלץ א פאזיטיווער זאך, אבער אזוי לאנג ווי איך בין נישט דער קריסטליכער פארשטייער פון די מיליטער וועל איך דיר צורוה לאזן. איך וועל זיך קאנצענטרירן אוף די עיקר און נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך זייטיגע זאכן. דער עיקר איז אז דו ביסט א גוטער סאלדאט. דאס איז וויכטיג פאר די מיליטער. עפעס אנדערש מאכט נישט אויס און איך וויל דיר טאקע איינמעלדן אז מארגן ביסטו אויפ'ן פראנט. דער קרוין פרינץ דארף מארגן אנטיילנעמען אין א צערעמאניע צו באנייען א נייע אנשטאלט און דער וועג אנצוקומען צו די צערעמאניע איז פארבינדן מיט גרויסע סכנות און מען דארף האבן אזא איינער ווי דיר אויף די וואַך."

"דארפסט נישט זארגן, איך וועל זיין דארט."

אבער דער קאמאנדיר האט נאך געהאט נאך זאכן אויף די אגענדע.

"און נעם אין חשבון אז נעקסטע וואך לאזט זיך דער קרוין פרינץ ארויס אויף א רייזע. די רייזע וועט זיך פארציען אויף דריי וואכן. אין לויף פון די טעג וועט מען ווילן אין די שטאט אדעסא און אין די שטאט יאלטא און דו ווערסט מוזן זיין א חלק פון די רייזע."

אין געוועגליכע אומשטענדן וואלט גדלי' געזוכט

אפצושאקלען פון זיך אזא סארט אונטערנעמונג אבער יעצט איז עס געווען ווי געווינטשן.

ער וואלט זייער שטארק געוואלט אוועקגיין פון די היגע אומגעגנט. שפירנדיג ווי פיוטער בארנעוו קוקט אים נאך און וועט מעגליך זוכן נקמה נאך אים פאר די שרעקעדיגע דערנידערונג וואס ער האט אים אנגעמאכט, וואלט זיכער געווען א גוטע געדאנק אוועקצוגיין פון געגנט אויף א שטיק צייט, ווער ווייסט אפשר וועט בארנעוו ווערן פארנומען אינמיטן און אים צורוה לאזן.

"נישט קיין פראבלעם, קאמאנדיר. איך וועל זיין דארט."

געוואלדיג! און קאגאן, דארפסט נישט זארגן, דו וועסט באקומען אלעס וואס דו האסט געבעטן. איך האב נאר צו דיר איין באדינג, אז דו זאלסט האלטן דיין מויל פארמאכט...."

גדלי' האט געשאקלט מיט'ן קאפ אלץ צושטימונג.

***

די רייזע קיין אדעסא איז אריין אין קראפט אבער עס האט געארבעט פונקט פארקערט ווי גדלי' האט געוואלט. אנקומענדיג קיין אדעסא האט ער שוין געהערט אז אויסער אים און דער קרוין פרינץ איז אויך צוגאסט אין שטאט זיין גרעסטער שונא - פיוטער בארנעוו.....

'וואס טוט ער דא?' האט ער זיך געוואונדערט, און ווען ער האט געהערט די סיבה צו זיין באזוך איז ער געווארן נאך מער אונטערגעצינדן און אויפגעברויזט.

"בארנעוו פלאנט דא אויפצובויען א גרויסע יתומים אנשטאלט. די שטאט אדעסא איז ליידער גוט געפלאגט מיט יתומים און בארנעוו וויל אויפשטעלן פאר זיי אן אנשטאלט."

פאר גדלי' האט נישט אויסגעפעלט קיין אויספיר. קענענדיג דעם פארשוין א לאנגער צייט האט ער געוואוסט אז די מעשים פון בארנעוו נעמען זיך נישט פון גוטסקייט, עס נעמט זיך פון אן ערגערער ארט, דערונטער דעם ליגט א טיפע כוונה, ער וויל דערמיט ערגענצן א פינסטערע זאך, ער זוכט אריינצוכאפן אין זיין נעץ נאך און נאך יתומים און זיי מאכן קריסטן.

די אלגעמיינע יתומים איז א קליינע פארדינסט, די גרעסערע פארדינסט איז אריינצופאנגען די אידישע יתומים, די נשמה'לעך וואס ער קען מאכן פון זיי געטרייע קריסטן.

און אויב גדלי' האט געדארפט א באשטעטיגונג אז דאס איז זיין כוונה האט ער עס באקומען א טאג דערויף ביי די גרויסע פאראדע וואו מען האט זיך צוזאמענגענומען און דעבאטירט די אונטערנעמונג.



"דער אמת איז אז די אידישע קהילה אין שטאט האט באטראכט אזא זאך. זי האט געוואלט עפענען אן אייגענע יתומים אנשטאלט אבער מיר וועלן זיי פעדערן. אנשטאט אויסצוואוארטן אויף זיי, וועלן מיר זיי פעדערן." האט בארנעוו אויסגערופן ביי זיין דרשה.

ביי זיין רעדע און בעיקר ווען בארנעוו האט ארויסגעזאגט די ווערטער האבן זיינע אויגן ארומגעוואנדערט אין זאל און זענען שטיין געבליבן פארנט פון די אויגן פון גדלי'.

'וואס דארף דאס מיינען? צי איז דאס אן ענטפער פאר מיינע מעשים? צי וויל ער דערמיט שטילן זיינע נקמה געפילן?' האט זיך גדלי' געוואונדערט.

"עס איז אן אויסטערלישער זאך וואס דו טוסט. איך וועל זען דערצו אז די רעגירונג זאל דיר געבן געלטער און אויך א געביידע וואו דו זאלסט קענען אויספירן דיינע פעולות." האט דער קרוין פרינץ גראטולירט פאר בארנעוו נאכדעם וואס ער האט געענדיגט זיין רעדע.

אויך דער מעיאר פון די שטאט אדעסא איז געווען אנוועזנד ביי די גרויסע צערעמאניע, און הערנדיג די געשפרעכן איבער די אידישע יתומים האט ער אויפגעדעקט אז ביי א לעצטיגע פארברענג מיט די אידישע קהילה אין לאנד האט אים דער פארשטייער פון די אידישע קהילה איבערגעגעבן א ליסטע פון 35 יתומים וואס ווארטן צו ווערן באהאנדלט.

"איך וועל זיין ביי דיר מארגן און מיר וועלן דורכרעדן די פלענער און נעמען פון דיר די נעמען פון די אידישע יתומים." האט אים בארנעוו געזאגט.

די ווערטער האט ביטערליך געשטאכן פאר גדלי'. עס האט אים באנג געטון אז אויך נאכדעם וואס ער האלט אין איין אפ'שמד'ן אידישע קינדער און זיי אפרייסן פון זייערע אידישע ווארצלען ווערט ער נישט זאט.

ביז יעצט האט ער זיך אפגעגעבן מיט די מיליטערלייט און יעצט גייט ער א טריט ווייטער. ער ברענגט אריין אין בילד אויך די יונגע יתומים.

"מען מוז אים אפשטעלן." האט ער געטראכט צו זיך און געזוכט עצות ווי אזוי ער קען ברענגען אן ענדע צו זיינע מעשים.

"אפשר זאל ער זיך ווענדן צו די לאקאלע אידישע קהילה. זיי וועלן זיכער האבן א וועג פאר אים. אפשר וועלן זיי באשליסן אז זיי וועלן עפענען אן אייגענע בית היתומים און דערמיט פארמיידן אז די פלענער פון בארנעוו זאלן קענען ווערן א רעאליטעט."

דעם קומענדיגן צופרי, אין די צייט ווען בארנעוו איז אנגעגאנגען מיט זיינע פינסטערע פלענער האט זיך גדלי' ארויסגעלאזט צו די אידישע געגנט פון שטאט און זיך אנגעהויבן נאכצופרעגן צו וועמען מען קען זיך ווענדן אין אזא פאל.

גדלי' איז געקומען געקליידעט אין ציווילע קליידער. אויסער די שיך - וואס ער האט נישט געהאט אויף זיך נאר די מיליטערישע שיך - האט ער אלעס געטוישט, און אזוי ארום האט ער אנגעקלאפט אויפ'ן טיר פון דער ארטיגער ראש הקהל פון שטאט און אים געפרעגט צי ער קען אים ארויסהעלפן אין דעם הינזיכט. ■

**פארזעצונג קומט אי"ה**

# לעטר פתורא

## אוועקגעבן פון זיך

**ואהבת לרעך כמוך.**

עס איז ידוע די מעשה וואס חז"ל דערציילן איבער דער גר וואס איז געקומען צו הלל הזקן און געבעטן פון אים ער זאל אים אויסלערנען די גאנצע תורה אויף איין פוס.

די תשובה פון הלל פאר דעם גר איז געווען, **מה דעלך סני לחברך לא תעביד** – וואס דו ווילסט נישט מען זאל טון פאר דיר טו נישט פאר יענעם.

הלל הזקן האט אויסגעפירט, **ואידך פירושא זיל גמור** – די איבריגע זאלסטו גיין לערנען.

מען האט אמאל געפרעגט פאר'ן חזון איש ווי אזוי קען זיין אזא זאך אז די גאנצע תורה ליגט אין איין זאך? האט דער חזון איש געזאגט אז דער יסוד וואס ליגט אין די ווערטער איז צי דער איד קען מוותר זיין פון זיך צי נישט.

אז א מענטש קען אוועקגעבן פון זיך פאר יענעם קען ער אויך אוועקגעבן פון זיך פאר'ן באשעפער. די יסוד ליגט דא אין די ווערטער און דאס האט הלל הזקן געזאגט פאר דעם גר, **ואידך פירושא זיל גמור** – אז די איבריגע זאלסטו נעמען צו השי"ת און דארט אוועקגעבן פון זיך, ווייל דאס איז דער יסוד פון א איד; קענען אוועקגעבן פון זיך.

[פאר הדור]

י. אריק

# לא תשנא את אחיך בלבבך

די גמרא זאגט כל המקיים שלש סעודות בשבת
ווערט אפגעהיטן; ניצול משלש פורעניות

פרעגט רבי ר' מענדעלע ז"ל פשט על זאת
פארוואס שטייט נישט כל "האוכל" שלש סעודות

דער תירוץ איז ווען מ'זיצט ביים סעודת שבת
שיינט אים השי"ת אריין אורות לרבות

גוטע עצות ווי אזוי צו די קדושה נאנט ווערן
און אין וועלכע מדה טובה זיך מערן

אבער עס איז נישט גענוג דער פלאַן
מ'דארף עס למעשה מקיים זיין

דאס איז דער רמז כל "המקיים" שלש סעודות
ער איז מקיים די אלע גוטע נקודות

וואס ער האט ממשיך געווען צום גוטן
דער ווערט פון ג' פורעניות אפגעהיטן

מיר זאגן חסל סידור פסח כהלכתו
א לעכטיגן יו"ט ככל משפטו וחוקתו

מ'האט מקיים געווען די מצוות בשמחה רבה
יעדער האט געמאכט קבלות טובות אויף להבא

בעטן מיר, כאשר זכינו לסדר אותו
זאל מען מקיים זיין, כן נזכה לעשותו

מיר געפונען ביי קרבן פסח א הלכה ברורה
יעדער מעג עס נאר עסן אין זיין חבורה

מען קען ארויסנעמען א חיזוק פון דעם
מען דארף האבן א חבורה לעבודת השם

אבער יעדער האט זיך זיין חבורה
מ'קען נישט וואוינען מיט יעדן אין איין דירה

אבער אהבת חבירים איז א שמירה
ובפרט אין די טעג פון די ספירה

וואס די הייליגע תלמידים פון רבי עקיבא
24 טויזנט תלמידים פון זיין ישיבה

ווייל זיי האבן נישט מכבד געווען איינער דעם צווייטן
זענען אלע נפטר געווארן אין די צייטן

מדה טובה מרובה, מיט אהבת רֵעים
וועט מען זוכה זיין כולנו חיים

אפילו מ'האט חילוקי דעות מיט יענעם
טאר מען נישט קיין צווייטן פארשעמען

די בעלי מוסר זאגן א שיינע זאך
כשם שאין פרצופיהם שוות נישט גלייך

פונקט ווי קיינער האט נישט די זעלבע צורה
כך אין דעותיהם שוות א גלייכע שורה

לכאורה וואס דארף מען דעם משל זאגן
פונקט ווי יעדער טוט אן אנדערן פנים פארמאגן

פארוואס קען נישט שטיין כך
צוויי מענטשן טראכטן נישט גלייך

דער תירוץ איז מעורר צו זיין די ענינים
פונקט ווי מיך שטערט נישט יענעמ'ס פנים

אז ער זעט אויס אנדערש פון מיר
זיין האָר איז אן אנדערע קאליר

דאס זעלבע טאר מען נישט זיין אין כעס
פארוואס יענער האט אַן אנדערן דעת

ער מעג אנדערש פון מיר קלערן
און מ'דארף נישט ברוגז ווערן

אזוי קען מען זיין זוכה
מקיים צו זיין ואהבת לרעך כמוך

און זיך גרייטן צום גרויסן אור
ויחן שם ישראל נגד ההר

שטעלן חכמינו ז"ל דעם יסוד
כאיש אחד און בלב אחד

וואס דורך אחדות וואס איז שורה
קען מען זוכה זיין צו קבלת התורה

ט.ב.

## ואהבת...

# זה כלל גדול בתורה

שטייענדיג אין א וואך ווען מען לערנט פילע עניים שבין אדם לחבירו
בענגען מיר אייך א הערליכע ארטיקל מיט הייליגע סיפורי קודש
וואס האבן פאסירט ביי אבותינו ורבותינו איבער נושאים וואס ווערן
דערמאנט אין אונזער סדרה.

**רש"י הק' זאגט אונז אנהייב פרשת קדושים אז די פרשה איז געזאגט געווארן בהקהל ווייל 'רוב גופי תורה תלוין בה' - רוב עיקר פון די תורה איז אין דעם תלוי. מען זעט טאקע אז די פרשה איז מלא וגדוש מיט עיקרי הדת יסודות היהדות, צווישן זיי אויך זייער אסאך ענינים שבין אדם לחבירו.**

**אין ליכט פון דעם האבן מיר צוזאמגעשטעלט א הערליכע ארטיקל מיט הייליגע סיפורי קודש וואס האבן פאסירט ביי אבותינו ורבותינו - ווי אויך עטליכע געקליבענע ווערטער פון ספרים הק' - איבער נושאים וואס ווערן דערמאנט אין אונזער סדרה.**

## איש אמו ואביו תיראו את שבתותי תשמרו

רש"י זאגט אז וועגן דעם שטייט נאנט די מצוה פון היטן שבת נעבן די מצוה פון מורא האבן פון טאטע מאמע, אונז צו לאזן הערן אז טאמער א טאטע אדער מאמע באפעלן דאס קינד אז ער זאל נישט מקיים זיין א מצות עשה, אדער ער זאל עובר זיין אויף א לא תעשה, אדער אפילו אויף א מצוה דרבנן, טאר נישט דער קינד פאלגן. דאס לערנען מיר ארויס פון דעם פסוק "איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו אני ה'" מען דארף פארכטן פון דעם טאטע און מאמע, מען דארף אבער היטן דעם שבת. און אויב די עלטערן זאגן אז מען זאל נישט היטן שבת (אדער אן אנדערע מצוה) טאר מען נישט פאלגן ווייל "אני ה'" איך בין דער אויבערשטער און די עלטערן דארפן מיר אויך פאלגן.

כאטש עס זענען דא דריי שותפים אין דער מענטש: 1) דער אויבערשטער, 2) דער טאטע, 3) די מאמע דארף מען אבער פאלגן דאס מערסטע דעם אויבערשטן.

דער דובנער מגיד איז דאס מסביר מיט א משל; עס זענען אמאל געווען דריי נאנטע חברים, און יעדער איינער פון זיי האט אויסגעטראכט נייע זאכן וואס קיינער האט נאך פון פריער נישט געהאט. איינער האט אויסגעטראכט ווי אזוי מען מאכט א קוקער מיט וואס מען קען דערמיט זייער ווייט קוקן און זען וואס טוט זיך ווייט אוועק. דער צווייטער האט אויסגעטראכט ווי אזוי מען מאכט א מאשין וואס קען זייער שנעל פארן, (עראפלאן). און דער דריטער האט אויסגעטראכט א מעדיצין וואס קען היילן מענטשן פון גאר ערנסטע קראנקהייטן.

איין טאג האט דער ערשטער מענטש מיט זיין קוקער, געזען פון גאר ווייט אז ביי דעם קעניג אין פאלאץ טוט זיך אפ א גרויסער טומל, און מען זעט ווי די גרעסטע דאקטוירים לויפן אריין אין דעם קעניגליכן פאלאץ. האבן די דריי חברים פארשטאנען אז עמיצער פון די קעניגליכע משפחה איז זייער קראנק. זענען די דריי חברים אריינגעשפרונגען אין דעם מאשין וואס דער צווייטער חבר האט אויסגעטראכט און זיי זענען שנעל געפארן צו דעם פאלאץ.

ווען זיי זענען אנגעקומען האבן זיי זיך דערוואוסט אז די טאכטער פון דעם קעניג איז שטערבליך קראנק און קיינער האט נישט קיין מעדיצין וואס זאל איר קענען אויסהיילן. איז דער דריטער חבר אריינגעלאפן צו די טאכטער מיט זיין מעדיצין וואס ער האט אויסגעטראכט,

> **פון היינט און ווייטער, אויב די טאכטער פון דעם קעניג וועט נאכאמאל קראנק ווערן, וועט מען מער נישט ברויכן דעם קוקער, און נישט דעם מאשין. מען וועט נאר ברויכן נאכאמאל געבן מיין מעדיצין וואס וועט נאכאמאל ראטעווען איר לעבן**

ער האט איר דערפון געגעבן און אין אפאר מינוט האט מען שוין געזען אז זי הייבט זיך אן צו היילן און ווערן אינגאנצן געזונט.

האט דער קעניג געזאגט צו אלע דריי חברים, איך וועל אייך אלע גוט באלוינען פאר דעם אויסהיילונג פון מיין טאכטער. אבער פאר איינעם פון אייך וועל איך געבן מיין טאכטער פאר א ווייב. די שאלה איז נאר, פאר וועלכער פון אייך דריי קומט זיך די גרעסטע באלוין?

דער ערשטער חבר האט זיך גלייך אנגערופן אז ווען נישט זיין קוקער וואלט מען אפילו נישט געוואוסט אז די טאכטער פון דעם קעניג איז נישט געזונט. ממילא דארף ער באקומען די גרעסטע באלוין. דער צווייטער חבר האט אבער געזאגט, אז ווען נישט זיין מאשין וואלט מען נישט געקענט אנקומען אין צייט צו ראטעווען די טאכטער פון דעם קעניג, ממילא קומט זיך אים די גרעסטע באלוין. האט זיך דער דריטער חבר אנגערופן, עס איז טאקע אמת, מיינע צוויי חברים האבן טאקע געהאט זייער א גרויסער טייל אין ראטעווען די טאכטער פון דעם קעניג. אבער לאמיר טראכטן וואס וועט זיין פון היינט און ווייטער, אויב די טאכטער פון דעם קעניג וועט נאכאמאל קראנק ווערן, וועט מען מער נישט ברויכן דעם קוקער, און נישט דעם מאשין. מען וועט נאר ברויכן נאכאמאל געבן מיין מעדיצין וואס וועט נאכאמאל ראטעווען איר לעבן. ממילא קומט זיך פאר מיר די גרעסטע לוין.

דער קעניג האט טאקע איינגעזען אז די ווערטער פון דעם דריטן חבר זענען אמת, און צו אים האט ער געשאנקען זיין קעניגליכע טאכטער פאר א ווייב.

דאס זעלבע איז מיט די דריי שותפים וואס האבן געברענגט דעם מענטש אויף די וועלט. טאקע אין אנהויב האבן אלע דריי געהאט א גרויסער חלק אין אריינברענגען דאס קינד אויף דער וועלט. אבער אין וועמענ'ס הענט ליגט דאס לעבן פון דעם קינד ביז הונדערט און צוואנציג יאר. דאס ליגט נאר אין די הענט פון דער אויבערשטער. דעריבער איז גאנץ פשוט אז אויב די עלטערן באפעלן דאס קינד צו טון א זאך וואס איז קעגן דעם רצון פון דעם באשעפער, מוז דער קינד פאלגן דעם אויבערשטן און נישט די עלטערן.

## לא תלין פעולת שכיר

ווי באקאנט איז דער רבי ר' זושא געווען גאר א גרויסער ארימאן, און נישט אזוי גרינג האט זיך זיין רעביצין געקענט ערלויבן א נייעם בגד. איינמאל האט זיך דער רבי ר' זושא גאר שטארק אנגעשטרענגט צו שאפן געלט און קויפן א נייע סחורה פאר א קלייד, אז די רעביצין זאל זיך קענען לאזן נייען א נייע קלייד אויף יום טוב. דער רבי ר' זושא האט געוואלט די רעביצין צופרידנשטעלן, אז זי זאל האבן א שמחת יום טוב, אבער ווי פארוואונדערט איז ער געווארן, ווען ער האט דערזען ערב יום טוב אז זיין ווייב דרייט זיך ארום אביסל צועלייגט.

"וואס איז שוין ווייטער?" וואונדערט זיך ר' זושא, "דו האסט דאך שוין א נייע קלייד?" ענטפערט די רעביצין, "וואס קלייד ווען קלייד - איך האב נישט קיין קלייד." וואונדערט זיך רבי זושא, איך האב דאך אליין איבערגעגעבן פאר דיר די סחורה?"

האט אים די רעביצין די צדיקת דערציילט, אז ווען דער שניידער האט געענדיגט צו נייען דאס קלייד, און האט עס געברענגט פאר איר אין שטוב, האט ער ארויסגעלאזט דערביי א קרעכץ, ווען זי האט אים געפרעגט פארוואס ער קרעכצט, האט ער געענטפערט אז זיין טאכטער איז נישט לאנג צוריק א כלה געווארן אין א מזל'דיגע שעה, און ווען זי האט דערזען אז ער נייט א קלייד, איז זי געווען זיכער אז מן הסתם איז דאס פאר איר, און ווען זי איז געוואויר געווארן אז נישט, האט זי געהאט עגמת נפש...

"הערנדיג די ווערטער האב איך אים אהינגעגעבן דאס קלייד, אלס מתנה פאר זיין טאכטער די ארימע כלה." האט די רעביצין אויסגעפירט.

פרעגט איר ר' זושא, "און באצאלט פאר זיין ארבעט האסטו אים?"

וואונדערט זיך די רעביצין וואס הייסט באצאלט? איך האב דאך אוועקגעגעבן פאר אים דאס גאנצע קלייד?

> דער ארימער שניידער האט דאך געארבעט א גאנצע וואך פאר דיר און נישט פאר זיין טאכטער און ווען ער האט געענדיגט זיין ארבעט האט ער געווארט צו באקומען פון דיר געלט פאר זיין ארבעט

רופט זיך אן צו איר ר' זושא, "איך פארשטיי דיך אבער נישט, דער ארימער שניידער האט דאך געארבעט א גאנצע וואך פאר דיר און נישט פאר זיין טאכטער און ווען ער האט געענדיגט זיין ארבעט האט ער געווארט צו באקומען פון דיר געלט פאר זיין ארבעט, כדי צו קענען מפרנס זיין דערמיט זיינע בני בית, און אצינד וואס האט ער דערפון אז דו ביסט א ברייטהארציגע בעלת צדקה און האסט געשאנקען דאס קלייד פאר זיין טאכטער, זיין ארבעט געלט דארף מען באצאלן!"

הערנדיג דעם "פסק" פון איר הייליגן מאן, האט זיך די רעביצין געאיילט צו בארגן געלט און געלאפן באצאלן פארן שניידער זיין ארבעט געלט פאר די קלייד פון זיין טאכטער..

## ואת שבתותי תשמורו - הוכח תוכיח

ווען דער נאסוידער רב זי"ע איז געווארן רב אינעם שטעטל "ראגנע", איז דער דארטיגער "מארק טאג" געווען אום שבת. ער האט פרובירט מיט פארשידענע פעולות צו טוישן דעם מארק אויף אן אנדערן טאג אבער עס האט זיך אים נישט איינגעגעבן.

איז ער געפארן צו זיין רבי'ן דער שינאווער רב זי"ע און זיך באקלאגט דערוועגן, און האט נאך צוגעגעבן אז ער האט מורא פונעם "ספר חסידים" וואס דארט שטייט אז מען זאל נישט וואוינען אין א שטאט וואו מען האלט שבת אלץ א מארק טאג. האט אים דער שינאווער רב זי"ע געענטפערט אויב וועט ער קענען - דורכן דארט וואוינען - ראטעווען אפילו נאר איין איד פון די שרעקליכע עבירה פון "חילול שבת" זאל ער דארט בלייבן וואוינען.

דער נאסוידער רב האט טאקע אזוי געטון, ער פלעגט יעדן שבת ארומגיין אין מארק און זיך אומקוקן צי עס זענען נישט דא דארטן קיין אידן, און אז ער האט געטראפן, האט ער געטון אלץ וואס מעגליך אים צוריקצוהאלטן פון "חילול שבת" ח"ו.

איין שבת האט ער געזען ווי א איד פון די געגנט "באקאווינא" קויפט זיך איין "הובער" (א עסן פון בהמות) פאר זיינע פערד. דער נאסוידער רב האט נישט געטראכט קיין מינוט און מיט א ברען צוגעלאפן צו דעם איד און אים געגעבן א פאטש אין פנים, דער איד איז אנטלאפן פון גרויס פחד איבערלאזנדיג דארט זיינע פערד מיטן הובער... און האט זיך פארגענומען מער נישט מחלל שבת צו זיין.

> דער נאסוידער רב האט נישט געטראכט קיין מינוט און מיט א ברען צוגעלאפן צו דעם איד און אים געגעבן א פאטש אין פנים, דער איד איז אנטלאפן פון גרויס פחד איבערלאזנדיג דארט זיינע פערד מיטן הובער...

## ואהבת לרעך כמוך

די גמרא זאגט, "ואהבת לרעך כמוך" - זה כלל גדול בתורה.

דער רבי ר' שמעלקא פלעגט דערציילן: עס האבן אמאל געוואוינט צוויי בחורים אין א דארף, זיי האבן ביידע געלערנט צוזאמען, און זיך געשפילט צוזאמען, און האבן איינער דעם צווייטן זייער שטארק ליב געהאט. מען האט זיי ביידע אייביג געזען צוזאמען, און אזוי זענען זיי אויפגעוואקסן, און געווארן גרויסע בחורים, און האבן כסדר געלערנט צוזאמען ווי פריער.

ויהי היום, איינער פון זיי איז א חתן געווארן ביי א גביר אין זייער א ווייטע שטאט, און ער האט געדארפט אהין פארן חתונה האבן, און דארט בלייבן וואוינען. ווען עס איז געקומען די צייט זיך צו געזעגענען, האבן זיי ביידע אנגעהויבן צו וויינען, "ווי אזוי וועלן מיר אויסהאלטן איינער אן דעם אנדערן?" צום סוף האבן זיי זיך אביסל בארואיגט, און האבן צוגעזאגט איינער צום אנדערן כסדר צו שרייבן בריוון.

אין אנהויב האבן זיי זיך טאקע געשריבן בריוו יעדע וואך, אבער אזוי ווי עס זענען אדורך פיל יארן, האבן זיי זיך אלץ ווייניגער געשריבן, ביז זיי פלעגן זיך נישט שרייבן מער ווי איין מאל א יאר; אויף ראש השנה.

דער אנדערער בחור האט אויך חתונה געהאט, דארט אין דארף, און איז נעבעך געווען זייער ארעם. ער איז געווארן מער און מער פאראָרעמט, ביז ער האט נישט געהאט וואס צו געבן צו עסן פאר זיך און פאר די קינדער. ביז זיין ווייב האט אים אמאל געזאגט, "דו האסט דאך אן אלטער חבר אין יענע ווייטע שטאט, ער איז דאך זייער

רייך, פאר צו אים, ער וועט דיר אוודאי ארויסהעלפן." ער האט טאקע אזוי געטון, ער האט פארקויפט דאס ביסל מעבל וואס איז אים געבליבן, אויף הוצאות, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן לאנגן וועג.

נאך אפאר וואכן, איז ער ענדליך אנגעקומען אין יענע שטאט, אינמיטן די נאכט. ער האט נישט געוואוסט וואו צו גיין אין די פינסטער, און ער האט זיך דארט אנידערגעזעצט אויף א שטיג אינמיטן די גאס.

בלילה ההוא, יענע נאכט האט אויסגעבראכן א גרויסע שריפה אין דעם פריצ'ס פאלאץ, עס איז ל"ע אינגאנצן פארברענט געווארן. די פאליציי האבן געזוכט דעם אינטער-צינדער, אבער זיי האבן אים אין ערגעץ נישט געקענט געפונען. עס האט זיי נישט געפאסט אז עס געלונגט זיי נישט צו כאפן דעם שולדיגן, און שונאי ישראל זענען זיי אויך געווען, האבן זיי אנגעכאפט דעם פרעמדן איד וואס איז געזעסן אין גאס, און זיי האבן געמאכט א בלבול, אז ער איז דער אינטער-צינדער, און זיי האבן באלד געשטעלט פאלשע עדות וואס האבן "אליין געזען" ווי דער איד צינדט אן דעם פייער. מען האט אים געשטעלט צום געריכט, און מען האט אים ל"ע גע'משפט צום הרג'ענען.

אין יענע צייט איז געווען דער מנהג, אז א מענטש וואס מ'האט פאר'משפט צום טויט, האט מען געשטעלט אין א ספעציעלע שטייג אינמיטן שטאט, אז יעדער זאל אים קענען זען, כדי אז אויב איינער האט אויף אים א לימוד זכות זאל ער עס קענען זאגן פארן שופט, און אזוי האט מען אויך געטון מיט דעם "שולדיגן" איד.

אינדערפרי, ווען דער רייכער חבר איז אהיים געגאנגען פון דאווענען, איז אים אויסגעקומען אדורך צו גיין דעם שטייג, און מען קען זיך פארשטעלן זיין וואונדער און שרעק, ווען ער האט געזען אז זיין אלטער חבר איז דארטן איינגעשפארט! ער איז גלייך צוגעלאפן, און אים געפרעגט צווישן די דראטן, "וואס איז דא געשען?!" און דער חבר האט אים דערציילט אלעס וואס איז געשען, און וואספארא אומגליק עס האט אים דא באפאלן.

הערנדיג די מעשה, האט אים דער רייכער חבר געזאגט, "זארג נישט, איך וועל דיר שוין ארויס ראטעווען פון דא".

ער איז גלייך געלאפן צו די פאליציי, און זיי געזאגט אז ער אליין האט אונטער-געצינדן דאס פאלאץ! ער האט זיי געזאגט, אז ביז יעצט האט ער נישט געוואלט מודה זיין, אבער יעצט, אז ער זעט ווי מען גייט הרג'ענען אן אומשולדיגן מענטש, מוז ער מודה זיין אז ער האט דאס געטון. די פאליציי האבן זיך מחיה געווען אז זיי האבן ענדליך געכאפט דעם "אמת'ן" פארברעכער, און זיי האבן יענעם גלייך באפרייט, און האבן אריין געשלאסן דעם רייכן חבר אין דעם שטייג.

ווען דער ארימער חבר האט געזען וואס זיין חבר האט דא געטון, האט ער אויסגעשריגן, "לאזט אים ארויס, ער האט עס נישט געטון, איך האב עס פארברענט! איך בין שוין אויף אלעס מודה! איך וויל נישט אז דורך מיר זאל מען הרג'ענען יענעם מענטש!" דערווייל שרייט יענער, "איך האב עס געטון!" און דער שרייט "ניין! איך האב עס געטון"!

די פאליציי האבן נישט געוואוסט וואס צו טון, און מען האט זיי ביידע געשלעפט צום שופט. דארט האט זיך איבערגעשפילט ממש די זעלבע מעשה, יעדער האט געזאגט אז ער אליין האט געמאכט דעם פייער.

דער שופט האט נאכגעקוקט אין אלע זיינע געזעץ ביכער, און ער האט געזאגט, "אזא משפט אין נאך קיינמאל נישט פארגעקומען, דעם משפט מוז מען נעמען צום קעניג אליין!" מען איז געפארן מיט זיי צו די קעניגליכע שטאט, מען איז אריין צום קעניג, און אים פארגעשטעלט די גאנצע מעשה. דער קעניג האט אויסגעפרעגט די צוויי אידן, און זיי האבן ביידע ווייטער געזאגט די זעלבע טענות.

האט זיך דער קעניג אנגערופן, "איך זע, אז קיין איינער פון אייך האט דאס נישט געטון, ווייל איינער וואס איז זיך אזוי מוסר נפש פאר זיין חבר, צינדט נישט אונטער קיין הייזער. נאר איך בעט אייך, אזוי ווי איך זע אז איר האט זיך איינער דעם צווייטן אזוי ליב, ממש אהבת נפש כמשמעו, בעט איך אייך: נעמט מיר אויך אריין אין די חברה, און האט מיך אויך ליב, און איך וועל אייך אויך ליב האבן".

לויט די מעשה האט דער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זצ"ל געטייטשט, אז דאס מיינט דער פסוק

די פאליציי האבן זיך מחיה געווען אז זיי האבן ענדליך געכאפט דעם "אמת'ן" פארברעכער, און זיי האבן יענעם גלייך באפרייט, און האבן אריין געשלאסן דעם רייכן חבר אין דעם שטייג.

וואס שטייט אין פרשת קדושים, ואהבת לרעך כמוך - אז דער אויבערשטער זעט ווי איין איד האט ליב דעם אנדערן זייער שטארק, זאגט ער, אני ה' - איך וועל אייך אויך ליב האבן.

הרה"ק ר' משה לייב מסאסוב זצ"ל האט געזאגט, אז ווען ער האט געהערט די מעשה פון זיין רבי, דער רבי ר' שמעלקא זצ"ל, האט ער באקומען זיין גרויס אהבת ישראל.

## ואהבת לרעך כמוך

חז"ל דערציילן אונז אין מדרש, אז אמאל איז געווען א איד א גרויסער ארימאן, וואס האט זייער שווער געארבעט אין פעלד צו האבן פון וואס צו לעבן. איין טאג אינמיטן די ארבעט, איז צו אים געקומען אליהו הנביא פארשטעלט אזוי ווי א גוי, און האט אים געזאגט, "דו זאלסט וויסן אז דער אייבערשטער וויל דיר געבן זעקס גוטע יאר אין דיין לעבן, וואס אין די יארן וועסטו זיין זייער רייך, און איך וויל וויסן ווען דו ווילסט האבן די זעקס גוטע יאר." האט דער איד געזאגט צו אליהו אז ער מוז גיין פרעגן זיין ווייב. ער איז צוריק געקומען און געזאגט, אז ער וויל אז די זעקס גוטע יארן זאלן זיך שוין אנהייבן. האט אים אליהו הנביא געזאגט, "גוט, גיי אהיים וועסטו זען אז דו ביסט שוין א גרויסער עושר."

ער איז אהיימגעגאנגען, און געזען ווי זיינע קינדער וואס האבן זיך געשפילט אין זאמד, האבן דארט געטראפן א גרויסע קאסטן מיט גאלדענע רענדלעך, האט ער דאס אריינגענומען אין הויז און זיי האבן אלע אפגעגעבן א לויב פאר השי"ת וואס האט זיי געשענקט דעם אוצר.

דער איד מיט זיין משפחה האבן אבער נישט אנגעהויבן קויפן פאר זיך שיינע רייכע זאכן פון דאס געלט, נאר זיי האבן פאר זיך געקויפט די זעלבע ארימע קליידער, און אלע אנדערע זאכן די זעלבע ווי ווען זיי זענען געווען ארעם. וואס דען האבן זיי געטון מיט דאס געלט? זיי האבן געקויפט קליידער פאר ארימע מענטשן וואס האבן נישט געהאט אליין צו קויפן, זיי האבן געגעבן עסן פאר ארימעלייט, זיי האבן חתונה געמאכט ארימע יתומים וואס האבן נישט געהאט קיין עלטערן וואס זאלן זיך זארגן זיי חתונה צו מאכן, זיי האבן אויסגעהיילט קראנקע וואס האבן נישט געהאט קיין געלט אליין צו קויפן מעדעצין, און אסאך אנדערע גוטע זאכן האבן זיי געטון מיט זייער געלט.

די זעקס יאר זענען זייער שנעל אדורכגעלאפן, און איין טאג אינדערפרי איז אליהו הנביא געקומען צו זיי, און געזאגט, "איך בין געקומען צוריק נעמען דאס רייכקייט, ווייל די זעקס יאר זענען שוין אדורך." האט דער איד ארויסגענומען א גרויסן בוך, וואס דארט איז געווען אריינגעשריבן אלע גוטע זאכן וואס זיי האבן געטון מיט דאס געלט די גאנצע זעקס יאר, און דער איד האט געזאגט צו אליהו הנביא, "אויב עס איז דא א מענטש וואס טוט בעסערע זאכן מיט געלט, דעמאלטס מעגסטו עס צונעמען."

אזוי ווי אליהו האט געהערט וואס דער איד האט געזאגט, און אויך געזען דעם בוך, האט ער איינגעזען אז דער איד איז גערעכט, און השי"ת האט באפוילן אליהו'ן אז ער זאל נישט צונעמען דאס רייכקייט פון אים, נאר פארקערט, ער זאל אים צוגעבן נאך, כדי ער זאל קענען טון נאך מער גוטע זאכן, און געבן נאך צדקה פאר ארימע מענטשן.

פון די מעשה זעט מען, אז א מענטש וואס השי"ת העלפט אים אז ער איז רייך, דארף ער נישט קויפן פאר זיך די שענסטע זאכן, און פאר א צווייטן איד גארנישט געבן, נאר פארקערט, ער דארף זיך זארגן פאר אנדערע קראנקע און ארימע וואס האבן נישט, און אזוי וועט אים השי"ת העלפן אז דאס רייכקייט וועט בלייבן ביי אים, און ער וועט קענען טון אסאך מצוות און צדקות זיין גאנץ'ן לעבן.

> ער האט געפרעגט יעדן איינעם, "וואו איז דער בעל עגלה?" יעדער האט געוואלט וויסן פארוואס איז דעם רב אזוי וויכטיג צו האבן דעם בעל עגלה, אבער ר' דוד האט קיינעם נישט דערציילט

### ואהבת לרעך כמוך

חז"ל זאגן כל המכנה שם לחבירו נקרא רשע, מען טאר נישט באליידיגן א חבר, דורך אים אנרופן מיט א צונאמען.

אין ספר דובר מישרים ווערט געברענגט א מורא'דיגע מעשה (בשם ספר שאל אביך ויגדך), אויף דעם ענין, פון א גרויסן גאון, פון די חכמי ספרד, וואס האט געלעבט אין די צייטן פון דעם גאון דער "נודע ביהודה" זצ"ל, און ער האט געהייסן ר' דוד בכר (דער נודע ביהודה שרייבט צו אים א תשובה, מיט גאר גרויסע טיטלען).

דער גאון רבי דוד, האט אמאל חתונה געמאכט זיינס א קינד, אין א שטאט ווייט פון דעם ארט וואו ער האט געוואוינט, און ר' דוד האט געדארפט פארן מיט א פערד און וואגן אנצוקומען צו די חתונה. דער וועג איז געווען זייער א שווערע, און בשעת'ן פארן צו די חתונה, זענען די פערד נישט געפארן גענוג שנעל, און ר' דוד האט געהאט דערפון גרויס עגמת נפש, אז צוליב זיין פארשפעטיגונג, וועלן די געסט מוזן ווארטן.

ער האט כסדר געקוקט אויפ'ן זייגער, און די צייט שטייט נישט, האט ער געזאגט צום בעל עגלה, אז ער זאל טרייבן די פערד, און זיי יאגן, אז זיי זאלן פארן שנעלער. דער בעל עגלה האט געפרואווט, ער האט געשמיסן די פערד, אבער עס האט נישט קיין סאך געהאלפן. נאך א שטיק צייט זעט ר' דוד, אז עס איז שוין שפעט, האט ער געגעבן א זאג צום בעל עגלה, "אזא שלומיאל ווי דו ביסט, קענסט נישט צואיילן די פערד אז זיי זאלן פארן שנעלער?" דער בעל עגלה האט זיך נאך מער אנגעשטרענגט ווי פריער, און ענדליך, סוף כל סוף, איז מען אנגעקומען צו די שטאט פון די חתונה.

ר' דוד האט זיך געיאגט, ער האט באצאלט דעם בעל עגלה, אראפ פון וואגן, און מען איז באלד געגאנגען צו די חופה. נאך די חופה, האט ר' דוד אנגעהויבן צו זוכן דעם בעל עגלה, און ער האט געפרעגט יעדן איינעם, "וואו איז דער בעל עגלה?" יעדער האט געוואלט וויסן פארוואס איז דעם רב אזוי וויכטיג צו האבן דעם בעל עגלה, אבער ר' דוד האט קיינעם נישט דערציילט. ביז מען איז געוואויר געווארן, אז דער בעל עגלה איז שוין אוועקגעפארן.

דאן האט ר' דוד געדינגען אן אנדערן וואגן, און ער איז נאכגעפארן דעם בעל עגלה. נאך אפאר שעה, האט ער אים דערגרייכט, און ר' דוד איז צוגעפאלן צו אים, און ער האט אים געזאגט, "איך האב באלד חרטה געהאט וואס איך האב אייך גערופן מיט א צונאמען, איך וויל אייך מפייס זיין, און איך בעט אייך שטארק, אז איר זאלט מיר מוחל זיין." אבער דער בעל עגלה האט נישט געוואלט הערן דערפון.

האט ר' דוד געזאגט צום בעל עגלה, "איך

## רמב"ן פר' קדושים:

דער רמב"ן זאגט אז דער אויבערשטער האט געהייסן אז מ'זאל ליב האבן א צווייטן איד מיט אלע גוטע זאכן אזוי ווי ער אליין, ווייל ס'מאכט זיך אז א מענטש האט ליב זיין חבר, אבער מיט דעם אלעם וויל ער אז פאר אים אליין זאל בעסער זיין, דאס טאקע מיינט די תורה צו זאגן אז מ'דארף וועלן אז פאר יענעם זאל גיין פונקט אזוי גוט ווי פאר דיר אליין, גארנישט ווייניגער.

## תניא דבי אליהו פרק כ"ו:

אזוי האט דער אויבערשטער געזאגט פאר די אידן, וואס וויל איך דען פון ענק, נאר איין זאך אז עטס זאלטס ענק ליב האבן איינער דעם צווייטן, און מכבד זיין איינער דעם צווייטן, מער דארף איך נישט פון ענק.

## מדרש רבה במדבר פרק ט"ו:

ס'איז א משל צו עטליכע שיפן וואס זענען צוזאם געשטעלט אויפ'ן ים, און אויף דעם איז אויפגעבויט א גרויסער פאלאץ. ווילאנג קען דער פאלאץ שטיין? נאר ווילאנג די שיפן שטייען צוזאמען, אבער ווען מען צונעמט עס דעמאלסט פאלט דער גאנצער פאלאץ אריין אין וואסער. אזוי אויך זאגט דער אויבערשטער ווילאנג איר האלט זיך צוזאם דא אונטן, שטיי איך אויף יענער וועלט, אבער טאמער איר האלט זיך נישט באחדות, צופאלט אלעס ח"ו.

## מדרש תנחומא נצבים:

די סדר איז ווען א מענטש האט א בינטל פון שטעקלעך, קען מען עס נישט צעברעכן, אבער אויב ער נעמט נאר איין שטעקל, קען עס אפילו א קליין קינד צעברעכן, די זעלבע זאגט דער אויבערשטער פאר די אידן, ווען איר וועט זיין צוזאמען וועט איר ווערן אויסגעלייזט פון גלות, ווי ס'שטייט אין פסוק (ירמי' ג') יבואו בני ישראל המה ובני יהודה "יחדיו", אז נאר ווען מ'איז אינאיינעם וועט מען גיין צו ירושלים.

## מגן אברהם סי' מ"ו:

עס שטייט פון אר"י הקדוש, אז פאר'ן דאווענען דארף א מענטש מקבל זיין אויף זיך אז ער איז גרייט מקיים צו זיין די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", און ערשט דערנאך שטעלט מען זיך דאווענען, שטייט דארט אין מחצית השקל, אז דער טעם איז ווייל אז אידן האלטן זיך באחדות, קומט זייערע תפלות ארויף צוזאמען אינאיינעם און ס'ווערט אנגענומען פארן אויבערשטן.

בין אייך גרייט צו געבן וויפיל געלט איר ווילט, אבי איר זאלט מיר מוחל זיין." זאגט דער בעל עגלה, "איך בין אייך נישט מוחל בשום אופן." פרעגט ר' דוד, "נו וואס קען איך דאך טון אז איר זאלט מיר יא מוחל זיין?" זאגט דער בעל עגלה, "איך וועל אייך נאר מוחל זיין, אויב איר געבט מיר האלב פון אייער עולם הבא!"

דער גרויסער גאון ר' דוד האט נישט געקלערט קיין איין מינוט, און ער האט באלד געזאגט "דאס געשעפט איז ערלעדיגט, איך גיב אייך האלב פון מיין עולם הבא, און איר זאלט מיר מוחל זיין".

הוכח תוכיח את עמיתך

הרה"צ ר' הלל ליכטענשטיין זצ"ל פון קאלאמייא דער מחבר פון ספר "משכיל אל דל" און נאך ספרים, פלעגט זיך פירן ארום צו פארן איבער פארשידענע שטעט, און איבעראל האט ער מעורר געווען אידישע קינדער מיט דברי מוסר און תוכחה, זיי זאלן פארריכטן זייערע מעשים.

איינמאל ווען ער איז אנגעקומען קיין צאנז, איז ער אריין צום הייליגן צאנזער רב זצ"ל, און פארברענגט דארט מיט דברי תורה. אינמיטן שמועס, האט זיך צו אים אנגערופן דער דברי חיים, "איר פארט ארום און איר זענט איבעראל מעורר אחינו בני ישראל אויף פארשידענע פירצות, זאגט מיר אויך אביסל דברי תוכחה."

"איך וואונדער מיך טאקע," האט זיך רבי הלל אנגערופן מניה וביה, "פארוואס האט מען ביי אייך נישט איבערגעלאזט אומגעקאלעכט אן "אמה על אמה" זכר לחורבן?" הערנדיג די ווערטער האט דער "דברי חיים" גלייך געהייסן ברענגען א לייטער, און ער איז אליין ארויפגעגאנגען אויפ'ן לייטער, פארצייכנט א פלאץ פון "אמה על אמה" און עס אפגעקראצט, דערנאך האט ער געזאגט צו רבי הלל: "יישר כח!"

דער פסוק "לא תשנא את אחיך בלבבך" מיט'ן פסוק "הוכח תוכיח את עמיתך" שטייען איינס נעבן צווייטן זאגן די ספה"ק אז דאס קומט אונז לערנען אז ווען מ'זאגט מוסר פאר א צווייטן זאל עס קומען פון אהבה; ווייל מ'וויל יענעמ'ס גוטס און נישט חלילה פון שנאה. נאר ווען עס איז קלאר ביי דיר אז דו טראגסט נישט קיין שום שנאה אויף דיין חבר דאן קענסטו אים זאגן מוסר...

## הוכח תוכיח את עמיתך

ווען דער גאון וצדיק דער חפץ חיים ז"ל איז ארומגעגאנגען פארקויפן זיין שטארק אויפגעכאפטע ספר "משנה ברורה", איז אים אמאל אויסגעקומען אריינצוגיין אין א ווערצהויז אין די שטאט ווילנא. זיצנדיג דארט האט ער באמערקט א דארפס איד - וועלכער האט געגעבן דעם איינדרוק פון אן ארעמער שלעפער - ווי ער פארלאנגט מיט זיין באפעלערישן טאן א שטיק פלייש און א פלאש בראנפן. און אָן א ברכה דאס אריינגעכאפט בנשימה אחת... און ווייטער פארלאנגט פארשידענע אנדערע מאכלים.

ביסט ממש דורכגעגאנגען דעם גיהנם אויף דער וועלט, די רשעים האבן דיך געוואלט מאכן פארגעסן דאס גאנצע אידישקייט, און ס'איז א נס אז דו ביסט פארבליבן א איד. וואויל איז פאר דיר!"

ווי דער חפץ חיים האט געזען דאס מגושמ'דיגע התנהגות, האט אים דאס שטארק ווי געטאן, און ער האט אפגעמאכט צוצוגיין צו דעם איד און מקיים זיין דעם "הוכח תוכיח."

ווי דער קרעטשמער האט דאס באמערקט איז ער באלד צוגעגאנגען צום חפץ חיים און אים אויפמערקזאם געמאכט אז דא האנדלט זיך פון א איד וועלכער איז נעבען אלס יונג קינד געכאפט געווארן דורך די באקאנטע "כאפערס" און צוזאמען מיט אנדערע קאנטאניסטן איז ער אויפגעהאדעוועט געווארן אין סיביר ביז די 18 יאר, דערנאך האט ער געדינט דעם קיסר ניקאליי פאר 25 יאר, דעריבער איז נישט קיין שום חידוש אז ער זעט אזוי אויס. ס'איז בעסער, האט דער קרעטשמער אויסגעפירט, אז דער רבי פאנגט נישט אן מיט אים, ווייל ער קען נאך דערלאנגען אויך...

דער חפץ חיים האט אים בארואיגט, זאגנדיג אז מיט יעדן איד איז פארהאן א שפראך. לאז מיך מקיים זיין די מצוה פון "הוכח תוכיח", און מיטן אויבערשטענ'ס הילף וועט ארויסקומען דערפון א טובה.

דער חפץ חיים איז צוגעגאנגען צו דעם איד, און נאך א שיינעם שלום עליכם אנגעהויבן פארפירן א שמועס, אים זאגנדיג, "איז דאס אמת וואס כ'האב געהערט אז דו ביסט דורך אזויפיל יסורים און מוטשעונישן אין דיין לעבן? נעבעך געווען אזויפיל יאר נע ונד, ביסט ממש דורכגעגאנגען דעם גיהנם אויף דער וועלט, די רשעים האבן דיך געוואלט מאכן פארגעסן דאס גאנצע אידישקייט, און ס'איז א נס אז דו ביסט פארבליבן א איד.

וואויל איז פאר דיר!" האט דער חפץ חיים אויסגעפירט, "כ'בין ממש מקנא דיין חלק וואס דו האסט אויף יענע וועלט! דו ביסט נאך דורך געגאנגען א גרעסערע נסיון ווי אסאך פריערדיגע צדיקים..."

צעביסלעכווייז האט דער חפץ חיים געזען ווי שנירלעך טרערן קומען צו פליסן פון דעם איד'ס אויגן. דער חפץ חיים האט נאך צוגעלייגט נאך אזעלכע ענליכע דיבורים ביז דער איד האט אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין.

דערנאך האט זיך דער חפץ חיים אנגערופן צו אים, פאר אזא חשוב'ער איד ווי דו, וואס ווערט פארערכנט צווישן די געהויבענע אידן, דארפסטו מקבל זיין אויף דיר, אז די רעשט פון דיינע טעג זאלן אדורכגיין ווי ביי אן ערליכן איד. דער איד האט שוין באגלייט דעם חפץ חיים אהיים קיין ראדין, און איז געווארן א ריכטיגער בעל תשובה.

פון דעם עפיזאד לערנט מען זיך, אז מיט ווארעמע און הארציגע דיבורים טוט מען נאך אויף דאס מערסטע...

## ולא תשקרו איש בעמיתו

די מדת אמת איז זייער א וויכטיגע מדה. יעדער איד דארף זיין געווארנט וואס ער רעדט ארויס פון מויל, אז עס זאל נאר זיין דעם אמת, און קיינמאל נישט קיין ליגנט, ווייל אלע שלעכטע זאכן ר"ל קומען ארויס פון זאגן ליגנט.

די גמרא דערציילט, אז עס איז געווען א שטאט וואס האט געהייסן קושטא, "קושטא" איז טייטש אמת, די שטאט האט אזוי געהייסן ווייל די מענטשן פון די שטאט האבן קיינמאל נישט געזאגט קיין ליגנט, און איבערדעם איז קיינער נישט געשטארבן יונגערהייט, נאר אלע האבן געלעבט ביז א טיפע עלטער.

אמאל איז דארט געקומען וואוינען א נייער איינוואוינער, וואס האט געהאט א ווייב מיט צוויי קינדער. איין פרימארגן, האט איינער אנגעקלאפט אויף זיין טיר, און אים געפרעגט צי זיין ווייב איז אינדערהיים, האט ער געענטפערט "ניין", כאטש זי איז באמת יא דארט געווען, אבער ווייל זי איז געווען פארנומען, און זי האט נישט געקענט צוקומען, האט ער געזאגט אז זי איז נישט אינדערהיים, וואס דאס איז געווען א ליגנט.

יענעם טאג איז געשען אן אומגליק ר"ל אין די שטאט, אז די צוויי קינדער פון יענעם מענטש זענען געשטארבן. די מענטשן פון שטאט האבן אנגעהויבן נאכפארשן ווי אזוי עס האט געקענט געשען אזא זאך ביי זיי אין שטאט, וואס איז נאך קיינמאל נישט פארגעקומען, אז יונגע מענטשן זאלן שטארבן. ביז זיי האבן אויסגעפונען אז דער מענטש האט יענעם טאג געזאגט א ליגנט.

זענען זיי אריבער צום הויז פון דעם מענטש, און אים געזאגט, "דו מוזט פארלאזן אונזער שטאט, ווייל ביז יעצט איז נאך קיינער פון אונזער שטאט נישט געשטארבן יונגערהייט, ווייל קיינער האט נישט געזאגט קיין ליגנט, און אזוי ווי ביי דיר איז נישט אזוי געווען, קענסטו ביי אונז נישט וואוינען. דער מענטש האט פארלאזט די שטאט, און איז אוועקגעפארן וואוינען אין אן אנדערן שטאט.

פון די מעשה קענען מיר זען דאס גרויסקייט פון זאגן נאר דעם אמת, וואס אין דעם זכות איז קיינער פון די שטאט נישט געשטארבן יונגערהייט, ווייל זיי האבן זיך געהאלטן ביי די מדה פון אמת.

צום הייליגן ראפשיצער רב זי"ע איז אמאל געקומען א איד, א בעל עבירה, און געזאגט איך וויל תשובה טון אבער דער רבי זאל מיר געבן א לייכטע תשובה, איך האב נישט קיין כח צו קיין שווערע זאכן. האט אים דער ראפשיצער רב ז"ל געזאגט, "גוט, זיי מקבל אז איר וועט נישט מער זאגן קיין ליגנט." האט דער איד געזאגט, אזא לייכטע תשובה דאס האב איך זיך גארנישט פארגעשטעלט, איך בין עס מקבל. דער איד איז אהיים געגאנגען מיט א שמחה.

יענעם טאג איז געשען אן אומגליק ר"ל אין די שטאט, אז די צוויי קינדער פון יענעם מענטש זענען געשטארבן. די מענטשן פון שטאט האבן אנגעהויבן נאכפארשן ווי אזוי עס האט געקענט געשען אזא זאך ביי זיי אין שטאט, וואס איז נאך קיינמאל נישט פארגעקומען, אז יונגע מענטשן זאלן שטארבן.

אינדערהיים, האט ער ווידער געוואלט עובר זיין אויף אן עבירה, אבער, האט ער זיך געקלערט, וואס וועט זיין אז מען וועט מיך פרעגן וואס איך האב געטון, טאר איך דאך נישט זאגן קיין ליגנט האט ער זיך צוריק געהאלטן. אזוי איז געווען ביי יעדע עבירה, מיט די צייט איז ער געווארן א גאנצער בעל תשובה.

הרב שלמה טייטלבוים
יו"ר מכון מחשבת החינוך

# וויפיל איז דאס טאקע ווערד?

"ושמרתם את חקותי ואת משפטי, אשר יעשה אותם האדם וחי בהם אני ה'" זאגט רש"י: "וחי בהם לעולם הבא שאם תאמר בעולם הזה והלא סופו הוא מת". רש"י ערקלערט אז "וחי בהם" מיינט נישט לעבן אין עולם הזה, נאר ס'מיינט די לעבן אין עולם הבא. אויף דער וועלט זאגט רש"י קען מען נישט באצאלן אויף א מצוה ווייל שכר מצוה איז א נצחיות'דיגע זאך און דער וועלט ענדיגט זיך, דער מענטש שטארבט, ממילא קען דאס נישט ווערן באצאלט דא אין עולם הזה.

ס'איז אזוי ווי א מענטש וועט ארייגיין אין א קליינע קיוסק מיט א שטיק גאלד, און ער וועט וועלן קויפן מיט דעם א טרינק. די גאלד איז טאקע ווערד זייער אסאך געלט אבער דער פארקויפער וועט אים נישט געבן צו טרינקען, ווייל די גאלד איז צו טייער פאר אים און ס'איז נישט די סארט געלט וואס ער פארקויפט פאר דעם, ער קען דאס נישט באניצן און ער קען אויך נישט געבן רעשט פון דעם. דער שכר וואס מ'באקומט אויף א מצוה איז אזוי גרויס אז מ'קען דאס נישט אויסנוצן אין אזא קליינע פלאץ אזוי ווי עולם הזה, וועגן דעם זאגט טאקע די גמרא "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" - א שכר פון א מצוה איז נישט אויף דער וועלט.

איז דאס טאקע אזוי? קען מען טאקע נישט באצאלן א שכר פון א מצוה אויף דער וועלט?

די גמרא אין עירובין זאגט אויף דעם פסוק "ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו" אז דער אויבערשטער געבט פאר דעם רשע שכר אויף דער וועלט כדי צו אים מאכן פארלירן זיין עולם הבא. דאס הייסט אז מ'קען יא באצאלן פאר א מצוה אויף דער וועלט?

און אויב ס'איז טאקע אזוי שטעלט זיך נאך א קשיא; אין אזא מצב וואלטן אלע רשעים געמוזט זיין גרויסע גבירים, און האבן זייער א גוטע לעבן, ווייל יעדע מצוה איז דאך זייער טייער, און אויב דער רשע האט איין טאג געדאווענט וואלט ער שוין געדארפט זיין א מיליאנער? ווער רעדט נאך אויב ער איז איין מאל געזעסן ביי א שיעור תורה, אדער אמאל געגעבן א פרוטה פאר צדקה, וואלט דאך זיין רייכטום געדארפט צו זין עד אין לשער, אבער אין די מציאות זעען מיר דאך אז ס'איז גארנישט אזוי?

נאך א נקודה דארף מען פארשטיין, די גמרא אין חולין דערציילט "מעשה באחד ששחט, וקדם חבירו וכסה, וחייבו רבן גמליאל ליתן לו עשרה זהובים". ס'איז דא א מצוה פון כסוי הדם צו צודעקן די בלוט פון די עוף וואס מען שעכט, דאס איז א מצוה וואס געהערט פאר'ן שוחט. ס'איז געווען א מעשה מיט א איד וואס האט גע'שחט'ן און זיין חבר האט דאס געזען האט ער שנעל צוגעדעקט די בלוט און אים אוועקגענומען די מצוה, איז מען געגאנגען צו א דין תורה צו רבן גמליאל און ער האט גע'פסק'נט אז ער מוז אים באצאלן צען זהובים אויפן צונעמען די מצוה.

פון דא זעט מען אז א מצוה קען מען יא באצאלן אויף דער וועלט? און נישט נאר אז מ'קען עס באצאלן נאר ס'האט אויך א פרייז, און ס'איז אפילו נישט אזוי טייער, בלויז צען זהובים. ווי אזוי שטימט עס מיט וואס מיר האבן פריער גערעדט?

***

ר' משה איז אריינגעקומען צום אפטער רב זייער צעבראכן; ער האלט פאר א חתונה פון זיין טאכטער, ער האט צוגעזאגט א נדן און ער האט געמיינט אז ער וועט עס קענען באצאלן, אבער די געשעפטן זענען נישט געגאנגען אזוי ווי ער האט געמיינט און יעצט שטייט ער פאר א גרויסע פראבלעם; ער מוז אויסצאלן די נדן מיט די חתונה און ער האט נישט דאס געלט.

"וויפיל געלט דארפסטו פאר די חתונה?" פרעגט דער רבי.

"טויזנט רובל."

"און וויפיל האסטו?"

"איין רובל." ענטפערט ר' משה מיט א צעבראכענע שטימע.

דער רבי האט זיך פארטראכט א פאר מינוט, דערנאך האט ער אים געזאגט, "פאר געזונטערהייט און די ערשטע געשעפט וואס ס'וועט דיר אריין פאלן זאלסטו טון, און דער אויבערשטער וועט דיר שיקן הצלחה."

דער רבי האט זיך געזעגנט פון אים, און נאך א מינוט האט ער זיך געטראפן אינדרויסן.

'וועלכע געשעפט קען איך שוין מאכן מיט איין רובל,' טראכט ר' משה ביי זיך, 'אבער אז דער רבי האט געזאגט ווייסט ער זיכער וואס ער רעדט, לאמיר ארויסגיין אויפ'ן וועג און דער אויבערשטער וועט העלפן'.

ר' משה איז ארויס אויפ'ן וועג אהיים. אפאר שעה איז ער געגאנגען צופיס, פארנאכטס האט ער זיך אפגעשטעלט ביי א אידישע קרעטשמע צו איבערנעכטיגן. ער זיצט אין קרעטשמע און טרינקט א גלאז טיי זיך צו אנווארעמען, ער באמערקט אז נישט ווייט פון אים זיצן א גרופע פון סוחרים, זיי רעדן ביזנעס און פארברענגען מיט געשמאק.

אויף דעם טיש איז געלעגן א פאר דיאמאנטן און די סוחרים האבן דאס אנגעקוקט און זיך געדינגען איבער דעם. ס'איז אים געווען אינטערעסאנט איז ער אויפגעשטאנען און זיך דערנענטערט צו זייער טיש.

"וואס קוקסטו אזוי שטארק, אפשר ווילסטו קויפען עפעס?" רופט זיך אן איינער פון די סוחרים.

די ערשטע מינוט האט ער געוואלט זאגן אז נישט, אבער ער האט זיך דערמאנט אין די רבי'ס ווערטער.

"יא, איך בין אינטערעסירט צו קויפן."

"וויפיל געלט האסטו?" האבן אים די סוחרים געפרעגט.

"איין רובל!"

זיי האבן אויסגעפלאצט אין א הויכע געלעכטער, און זיך נישט געקענט בארואיגן א לאנגע צייט; מיט איין רובל וויל ער קויפן א דיאמאנט.

"איך האב עפעס פאר דיר," רופט זיך אן איינער פון די סוחרים מיט א געלעכטער. "איך האב עפעס וואס איך קען דיר פארקויפן פאר איין רובל."

"וואס?"

"מיין עולם הבא." ענטפערט דער סוחר מיט א געלעכטער.

ר' משה האט געדענקט דעם רבי'נס ווערטער און געטראכט אז וויבאלד דאס איז דאס ערשטע געשעפט וואס מ'טראגט אים אן דארף ער עס גלייך כאפן. "איך בין אינטערעסירט דאס צו קויפן. אבער איך וויל עס מאכן מיט א ריכטיגע שטר ווי ס'דארף צו זיין."

זיי האבן זיך געזעצט צום טיש, איינער האט ארויסגענומען א פעדער, דער צווייטער א פאפיר, און מ'האט צוגעגרייט א שטר כדת וכדין, אז בערל דער סוחר פארקויפט פאר משה דער בטלן זיין חלק אין עולם הבא פאר איין רובל. ביידע צדדים האבן אונטער געשריבן, צוויי סוחרים זענען געווען עדים און דער עולם האט געטרינקען לחיים. ר' משה האט באקומען דעם שטר און באצאלט זיין רובל, דער עולם איז געווען פרייליך און לעבעדיג און נישט געענדיגט צו לאכן פון דעם בטלן וואס האט אוועקגעגעבן זיין לעצטע רובל פאר א שטיקל פאפיר.

אין יענע מינוט איז אריינגעקומען די פרוי פונעם סוחר. זי זעט די גרויסע שמחה און לעבעדיגקייט.

"וואס איז די גרויסע שמחה?" פרעגט זי איר מאן.

"דו זעסט דעם בטלן דארט?" ענטפערט ער מיט א שמייכל, "איך האב מיט אים געמאכט א גוט געשעפט."

"וואס פאר א געשעפט?"

"ער האט מיר יעצט באצאלט זיין לעצטע רובל, פאר א שטיקל פאפיר."

"וואס הייסט?"

"איך האב אים פארקויפט מיין חלק אין עולם הבא, פאר זיין לעצטע רובל." ענטפערט בערל דער סוחר מיט א הויכע געלעכטער.

"וואס?! דיין ביסל עולם הבא וואס דו האסט שוין געהאט האסטו אויך פארקויפט? אלעס פאר אביסל געלט?! יעצט ביסטו דאך ממש ווי א גוי, איך וויל נישט לעבן מיט א גוי, לאמיר די מינוט גיין אין בית דין. איך גיי נישט לעבן מיט א גוי אפילו איין מינוט." האט זי אויסגערופן מיט א בייזקייט.

"אבער ס'איז נאר געווען א וויץ, ס'איז גארנישט קיין ערנסטע זאך געווען."

"א וויץ?! איז וואס איז דער שטר וואס דו האסט אונטערגעשריבן? דאס איז א ריכטיגע געשעפט און איך וויל נישט לעבן מיט א מענטש וואס האט נישט עולם הבא, קום יעצט צום רב!"

די מצב איז געווארן אנגעצויגן. בערל האט נישט געוואוסט וואס צו טון; ווי קריכט מען ארויס פון דעם בראך.

איינער פון די סוחרים וואס האט געוואלט ראטעווען דעם מצב, איז צוגעגאנגען צו ר' משה ער זאל צוריקציען פון די געשעפט. אבער ר' משה האט נישט מסכים געווען.

"ווייסט דאך ר' משה," איז בערל צוגעקומען צו אים, "אז די גאנצע זאך פריער איז געווען א שפיל, לאמיר צוריקדרייען דעם שפיל; נעם דיר דיין רובל און געב מיר צוריק דעם פאפיר."

"איך ווייס נישט פארוואס דו טראכסט אזוי, ביי מיר איז דאס א געשעפט לכל דבר, און איך דריי נישט אזוי שנעל צוריק."

"איז פאר וויפיל פארקויפסטו מיר דעם פאפיר?"

"פאר טויזנט רובל!"

"ביסט משוגע?! ס'קומט נישט אין באטראכט. האלט זיך מיט דעם פאפיר און טו נישט קיין טובות." האט זיך אויף בערל אויפגערעגט.

"אויב אזוי גייט מען יעצט צום רב." צושרייט זיך זיין פרוי פון די אנדערע זייט. "איך לעב נישט מיט א גוי פאר קיין שום געלט."

"דארפסט פארשטיין," רופט זיך בערל אן צו ר' משה מיט א ווייכע שטימע, "ס'איז געשען דא א טעות, קיינער האט דאס נישט געמיינט אזוי ערנסט, דו קענסט נישט בעטן פאר דעם טויזנט רובל, דאס איז דאך צופיל געלט, דו צוברעכסט א אידישע שטוב, דו הרג'עסט דא אוועק מיין שלום בית, נעם דיר צען רובל און לאמיר שליסן דעם געשעפט."

"איך פארשטיי זייער גוט וואס דו זאגסט, אבער וויניגער פון טויזנט רובל איז נישטא פון וואס צו רעדן."

"איך געב דיר הונדערט רובל."

"טויזנט!"

"צוויי הונדערט..." פרובירט בערל.

"טויזנט!" ענטפערט ר' משה מיט איין ווארט.

בערל האט פארשטאנען אז ער האט נישט קיין ברירה, ער האט ארויסגענומען פון טאש טויזנט רובל און געגעבן פאר ר' משה. ערשט דעמאלטס האט אים ר' משה צוריקגעגעבן דעם שטר.

בערל האט צעריסן דעם שטר מיט א גרויסע בייזקייט, פרעגנדיג ר' משה, ווער האט אים געגעבן די עצה ארויסצונעמען פון מיר די טויזנט רובל?

"מיין רבי, דער אפטער רב." ער האט דערציילט די גאנצע מעשה וואס איז פארגעקומען היינט אינדערפרי ביי זיין רבי'. "אויב דער רבי האט געזאגט אז מיט די ערשטע געשעפט וואס איך וועל מאכן וועל איך מצליח זיין, האב איך פארשטאנען אז פון דעם געשעפט מוז איך ארויסנעמען א טויזנטער און נישט וויניגער."

"אויב אזוי וויל איך פארן צום רבי'ן." האט זיך די פרוי אנגערופן. "איך מוז קענען אזא רבי, און פון אזא רבי נעמען א ברכה."

ווען זיי זענען אנגעקומען צום רבי'ן, האט די פרוי געזאגט פארן רבי'ן אז זי האט א שאלה; צי איז די עולם הבא פון מיין מאן ווערד טויזנט רובל אדער נישט?

"די אמת איז," האט איר דער הייליגער אפטער רב געענטפערט, "אז ווען דיין מאן האט פארקויפט זיין עולם הבא פאר איין רובל, איז דאס געווען צו א טייערע פרייז, ס'איז נישט געווען ווערד אזויפיל. אבער נאך ווען ער האט ארויסגענומען פון זיין טאש טויזנט רובל און געהאלפן מיט דעם א איד חתונה צו מאכן א קינד, האט ער מחשיב געווען זיין עולם הבא, און יעצט איז דאס שוין ווערד אסאך מער.

***

דער חפץ חיים איז מסביר אז א מצוה האט זייער א גרויסע חשיבות, און ס'איז זייער טייער. אבער וויפיל? דאס איז דער מענטש אליין מחליט, דאס הייסט אז אויב איינער הערט יעצט קדיש אין שול, און זיין חבר דערציילט אים אינמיטן א וויכטיגע נייעס, און עס איז אים חשוב'ער די נייעס וואס זיין חבר דערציילט, האט דער מענטש אוועקגעשטעלט אז דער פרייז אויף א קדיש איז ווייניגער פון א שטיקל נייעס, ער האט אליין געוויזן אז נייעס איז וויכטיגער פון א קדיש, ווייל אויב ער האט יעצט די געלעגנהייט צו ענטפערן "אמן יהא שמיה רבא" און ער שמועסט אנשטאט דעם האט ער אוועקגעשטעלט א פרייז אז א שמועס מיט א חבר איז אים טייערער פון אן "אמן יהא שמיה רבא".

אבער אויב ס'פאלט אים אריין צו מאכן א גוט געשעפט, און ער מאכט עס נישט ווייל וועגן דעם וועט ער פארלירן א דאווענען, ער שטיפט עס אוועק ס'זאל אים נישט צושטערן זיין שיעור תורה, האט ער אוועקגעשטעלט אז דער פרייז פון זיין דאווענען און זיין לערנען איז אסאך טייערער פון א גוטע ביזנעס.

יעדער מענטש פאר זיך אליין איז מחליט ווי טייער וועט זיין די שכר אויף זיינע מצוות און מעשים טובים, לויט וויפיל ער איז דאס מחשיב.

א מענטש וואס מאכט זיינע מצוות לשם שמים מיט אן ערליכקייט וועט ער באקומען זיין שכר נאר אין עולם הבא, ווייל אזעלכע מצוות קען מען גארנישט באצאלן אויף דער וועלט, ס'איז צו פיל פאר אזא קליינע וועלט. אבער א רשע וואס האט געמאכט א מצוה קען זיכער באקומען זיין שכר אויף דער וועלט און ס'איז אויך נישט אזוי טייער, ער מוז נישט באקומען די גאנצע עולם הזה פאר דעם.

ווען דער שוחט האט מסכים געווען פאר צען זהובים אוועק צו געבן די מצוה און מוחל זיין, האט ער מסכים געווען אז זיינע מצוות זענען ווערד צען זהובים און נישט מער.

ווען דער סוחר האט מחליט געווען אז זיין עולם הבא איז נישט ווערד איין רובל און ער קען נאך פארדינען ווען ער וועט דאס פארקויפן פאר א רובל, איז דאס נישט געווען ווערד גארנישט, ווייל ער האט אוועקגעשטעלט די פרייז אויף ווייניגער פון א רובל, אבער נאך ווען ער האט באצאלט טויזנט רובל אויף זיין עולם הבא, האט ער געמאכט חשוב און טייער זיין עולם הבא, מיט זיין באצאלן האט ער געהויבן די פרייז און די ווערד פון זיין עולם הבא, דעמאלטס האט עס באקומען א נייע ווערד.

ווען א מענטש מאכט זיינע מעשים טובים מיט א מטרה; "אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" – אויב ער מאכט עס כדי צו לעבן מיט דעם אויף דער וועלט און זיין דורך דעם א שיינער איד, א מזרח איד, וועט דאס זיין די ווערד פון זיין מצוה און דאס וואס ער וועט באקומען און מיט דעם וועט ער זיך אפצאלן. אין אזא פאל איז יא דא א מעגליכקייט צו באצאלן די שכר מצוה אויף דער וועלט, ווייל דער שכר וואס דער מענטש האט אוועקגעשטעלט פאר זיינע מצוות, איז אן "עולם הזה'דיגע" שכר. אבער ווען דער מענטש שעצט ריכטיג זיינע מצוות און ווייסט ריכטיג זייער ווערד, אזא שכר קען מען אויף דער וועלט נישט באצאלן.

דאס איז מדוייק אין די ווערטער פון רש"י, "וחי בהם – לעולם הבא, שאם תאמר בעולם הזה והלא סופו הוא מת" - דאס מיינט אז דער שכר איז פאר עולם הבא, אבער "אם תאמר בעולם הזה" - אויב דו וועסט אויסוועלן דאס צו באקומען דא, וועסטו דאס טאקע באקומען דא. אבער ס'לוינט זיך נישט, ווייל "והלא סופו הוא מת" - מ'בלייבט נישט דא אויף אייביג.

דאס איז אויך וואס דער הייליגער אור החיים הק' זאגט אין פסוק פריער "ללכת בהם – ירצה שלא יקוה אדם לשכר מצוות בעולם הזה" – א מענטש זאל נישט ווארטן פאר די שכר פון זיינע מצוות דא אויף דער וועלט, "שכל מה שיעשה לא יבחר לאכול עולמו בחייו, אלא ילך לפניו צדקו לחזות בנועם ה'" – א מענטש זאל נישט אויסוועלן צו עסן זיינע מצוות דא אויף דער וועלט, נאר ער זאל דאס איבערלאזן ס'זאל מיט קומען מיט אים אויף די ריכטיגע וועלט און באקומען די ריכטיגע ווערד פאר דעם.

דאס איז אויך וואס מיר בעטן יעדן טאג ביי ברכת המזון: "הוא יגמלנו לעד לחן ולחסד ולרחמים... ומכל טוב לעולם אל יחסרנו" מיר בעטן דער אויבערשטער זאל אונז געבן אלע גוטע זאכן, אבער מיר לייגן צו אז דאס זאל נישט קומען אויף די חשבון פון אונזערע מצוות, נאר "מכל טוב לעולם" פון די אלע גוטס וואס איז פאר אונז צוגעגרייט אין עולם הבא "אל יחסרנו" זאל גארנישט ווערן אראפגערעכנט. ש

צו באקומען דעם פולן גליון "מחשבות" שיקט אן אימעיל צום מערכת
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו
07341479294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW

# די הכנה צו קידוש השם

**קדושים תהיו.**

צווישן די קדושים וואס זענען אומגעברענגט געווארן דורך די נאצישע מערדער אין לויף פון די צווייטע וועלט קריג איז געווען הגה"צ הקדוש רבי אלחנן וואסערמאן הי"ד.

רבי אלחנן האבן די מערדער אומגעברענגט אין זיין היימשטאט און ווי מען דערציילט איז ער געשטאנען ביי זיין שטענדער אין בית המדרש און געלערנט און איז אזוי אומגעקומען אויף קידוש שמו יתברך.

דער מארד איבער'ן גרויסן גאון וצדיק האט פאסירט געציילטע טעג נאכדעם וואס די דייטשן האבן איינגענומען דאס לאנד און זענען אריינגעקומען אין שטאט.

ווי נאר די מערדער זענען אנגעקומען אין שטאט איז פאר די אידן אין שטאט באפאלן א שטארקער פחד און זיי האבן זיך נישט געוואוסט וואו זיך אהינצוטון פון שרעק.

איז געווען צווישן די אידן א איד וואס איז פון גרויס געטומל אריינגעלאפן אין בית המדרש צו רבי אלחנן און אים דערציילט איבער די ביטערע געשעענישן, ווען ער שרייט און יאמערט צו רבי אלחנן; פארוואס? רבי פארוואס קומט אונז דאס? פארוואס שניידט הקב"ה שטיקער פון אונז.

דער איד איז נעבעך געווען צעמישט און דערשראקן און האט נישט געהאט די כוחות הנפש זיך צו שטארקן אין אמונה, און צוזעענדיג די שרעקעדיגע רציחות איז ער אריינגעפאלן אין א שטארקער בהלה.

האט אים רבי אלחנן געענטפערט מיט א מורא'דיגע משל:

אין א גרויסן מאדערנעם שטאט האט געוואוינט א רייכער מאן וואס האט געהאט מכל טוב וטוב. ער פלעגט עסן טעגליך ברויט מיט אנדערע ערליי געבעקסן אבער ער האט קיינמאל בעפאר נישט געהאט געזען וויאזוי מען שניידט די ברויט און וויאזוי עס וואקסט.

איין טאג האט מען אים צוגערעדט ער זאל ארויסגיין אין דעם דערנעבנדיגן דארף און זיך אומקוקן וויאזוי דער וואוקס פון ווייץ גייט צו.

ער איז געווארן נייגעריג און ער איז ארויס און זיך צוגעטשעפעט צו א ברויט בעקער און יענער האט אים געזאלט באווייזן וויאזוי עס גייט צו דער פראצעדור.

וועלנדיג אים ווייזן שטאפל ביי שטאפל האט ער גענומען דעם סוחר אין פעלד אריין און געוויזן א פילן פעלד מיט גראז און געוויקסן.

עס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס דער סוחר האט געזען אזא פעלד און ער איז געווארן אינגאנצן באגייסטערט פון אזא שיינעם פעלד און מודה געווען אז יא, עס איז א שיינער פעלד.

"א שיינער פעלד." זאגט דער דארפסמאן, אבער עס וואקסט דאך גארנישט, עס איז נישט דא וואס באגייסטערט צו ווערן, נאר ער וועט אים באווייזן וויאזוי עס גייט צו.

האט ער גענומען צוויי אקסן און אנגעהויבן אויסאקערן דאס פעלד און דער סוחר שטייט דערנעבן און זעט ווי די אקסן מאכן חרוב דאס פעלד. זאגט ער דעם דארפסמאן דאס איז דאך א נארישקייט, פארוואס צורייסט מען אזא שיינעם באוואקסענעם פעלד.

זאגט אים דער דארפסמאן צוריק: ווארט אביסל, האב געדולד. קום צוריק אין דריי חדשים. איז דער סוחר צוריקגעקומען אין דריי חדשים און געטראפן א שיין באוואקסן פעלד, האט ער גערזאגט אז ער איז מודה. יעצט פארשטייט ער שוין אלעס: אזא שיין פעלד באוואקסן מיט הויכע זאנגען. יא, עס האט געלוינט אויסצורייסן די גראזן און געוויקסן.

זאגט אים דער דארפסמאן עס איז נאכנישט פערטיג און ער גייט און רייסט אראפ די הויכע זאנגען פון פעלד און צומאלט זיי.

ווען דער סוחר זעט דאס ווערט ער אויס מענטש און הייבט אן צו באוואשן דעם דארפסמאן אז ער איז א נארישער ווייל עס איז דאך אזא שיין פעלד פארוואס מאכט ער עס חרוב מיט זיינע אייגענע הענט? זאגט אים דער דארפסמאן ער זאל האבן געדולד ווייל ער וועט נאך זען דער סוף פון דעם.

און אזוי איז דער וויכוח צווישן דעם דארפסמאן און דעם סוחר ממשיך ביז ווען ער עסט דאס ווארימע געבאקענע ברויט. דעמאלטס פארשטייט שוין דער סוחר אויף צוריקצוואוגעס די אלע שטאפלען.

האט רבי אלחנן אויסגעפירט: מיר זענען שטאטישע מענטשן און פארשטייען גארנישט. מיר זעען ווי מען שניידט און רייסט פון אונז שטיקער און פרעגן פארוואס, אבער עס איז דא איינער וואס ווייסט וואס דער סוף וועט זיין און ער ווייסט און פארשטייט פארוואס אלעס קומט אויף אונז.

די ערציילונג האט רבי אלחנן דערציילט דריי טעג איידער די רשעים האבן אים אומגעברענגט הי"ד.

[מפי השמועה]



## לֹא תַקִּפוּ פְּאַת רֹאשְׁכֶם

# זיך לאזן וואקסן די פיאות

**אונז לערנען די וואך אין די סדרה, לא תקיפו פאת ראשכם, אז מען דארף איבערלאזן פיאות ביים שניידן די האר פון קאפ. וואס פיאות איז איז א זאך וואס אונז דארפן דא נישט קומען ערקלערן; דאס ווייסט יעדער חדר אינגל און אפילו קלענער.. מיר וועלן זיך קאנצענטרירן אין אונזער מאמר איבער עטליכע שיינע ענינים ארום די נושא פון פיאות.**

**צווישן אנדערע וועלן מיר אויסשמועסן ווערטער פון גדולי ישראל בשייכות צום לאזן וואקסן די פיאות; דער רמב"ם'ס קבלה בנוגע פיאות; א איד האט זוכה געווען צו קבר ישראל בזכות לאזן וואקסן פיאות; ווי אויך וועלן מיר זען צי מעג מען אפשניידן די פיאות אלץ שלום מלכות? צי מעג מען מאכן די פיאות מיט א קעמל? צי מעג מען לאזן די פיאות הינטערן אויער ביי שמונה עשרה? און נאך הערליכע ענינים.**

אט די פיאות זענען געווען די סימנים פונעם איד אין אלע דורות. טראץ די דערנידערנדקייט און ליידן פון די אומות העולם, האט ער זיך אבער שטאלץ געהאלטן מיט זיין אידישקייט לעיני כל העמים. אין די שווערסטע צייטן האבן די פיאות פון קאפ אראפגעהאנגען.

אן עקסטערן נאמען האבן אויף דעם געהאט די תימנ'ער אידן וואו ביי זיי האט מען דאס גערופן "סימונים", ווייסנדיג אז דאס איז דער "סימן" ווער עס איז א איד און ווער נישט.

עס זענען אויך ליידער געווען אזעלכע וועלכע האבן אראפגענומען די פיאות, און טאקע דערפאר ווייל זיי האבן זיך געוואלט צושטעלן צו די גוים, אבער די גדולי ומאורי ישראל האבן אלס מתריע געווען איבער דעם שרייענדיג אז דאס וועט ח"ו ברענגען צו אן אויסמישונג צווישן די גוים.

אין מדרש (במדבר י') שטייט, "ואבדיל אתכם מכל העמים להיות לי... כל מעשיהם של ישראל

אבדיל מן אומות העולם... בהתגלחתם... להיות לי, הרי אתם שלי..."

און טאקע אט דער מדרש האט זיך ארויסגעשטעלט אלס אמת ויציב אין משך פון אלע דורות, ווייסנדיג אז ווער עס גייט מיט די פיאות דער איז א "איד". עס האט אויך אפגעצייכנט דאס הייליגקייט פון דעם איד.

זייער אסאך אידן האבן אויך געשוואוירן מיט די פיאות הראש אלס א דבר שבקדושה, און צומאל זענען אויך געווען אידן וועלכע האבן זיך מוסר נפש געווען דערויף.

## די תשובות פונעם תשב"ץ איבער די פיאות

ווען די גזירות האט זיך אנגעפאנגען אין שפאניע אין יאר קנ"א, און עס האט זיך אנגעפאנגען ארייננצוכאפן געוויסע שוואכקייטן ביי די אנוסים, האט דאן רבי שלמה אלעמי זצ"ל שטארק פארפירט דערויף, זאגנדיג דרשות מוסר פאר'ן ציבור.

אין זיינע ווערטער טרעפן מיר ווי ער רעכנט אויס געוויסע שוואכקייטן און עבירות וועלכע ברענגען די אלע צרות וואס די אידן ליידן.

אינדערצווישן רעכנט ער אויס: "און אנשטאט צו לאזן וואקסן די בארד און די פיאות הראש, דארפן מיר איצט לאזן וואקסן די האר פון אונזערע קעפ און אראפנעמען די בערד"...

עס דארף דא צוגעשטראכן ווערן וואס איינער פון די אידן אין יענע צייט האט זיך אפגעשריבן, ווען די רדיפות האט זיך שוין אנגעפאנגען אין איין זייט פון שפאניע און ביי די אנדערע געגנטער פון די מוסלעמענער האט מען נאך געלעבט בשלום ובשלוה, שרייבט ער אזוי:

"מצד אחד היהודים האומללים נתונים לעם אחר, הרוגים גרושים ושלולים, ובעבר האחר בני העברים, העוורים וחלשים אוכלים לחמם, מחללים בחליליהם ומתהוללים, לובשים מלבושי גויים, מוקפי ראש ומגולחי זקן במהולים... מכת אויבמוסר אכזרי הכה, לא לקחנו מוסר ולא נכנענו..."

דער הייליגער תשב"ץ זי"ע באציט זיך אויך אין א תשובה צו דעם פראבלעם וואס האט זיך ארייגעריסן ביי יונגע בחורים איבער אראפנעמען די פיאות הראש, ווי ער שרייבט ווי פאלגנד:

"ראיתי שערוריה בבחורי חמד הבאים, כשהם קו כולם קצוצי פאה... וכבר אמרו שעל כל פאה ופאה חייבים מלקות... וכשמספרים כעין תער יש מלקות בפאת... ואם כל כך הורגלו בזה עד שהותר לכם... הרי זה כאילו עברו על כל התורה..."

אין אן אנדערן תשובה וואס ער האט געשיקט קיין אלדזשיר איז דער הייליגער תשב"ץ זי"ע זיך אויך מתייחס צו דעם ענין ווי ער שרייבט:

"בענין הקפת הראש שנהגו בזה קולא פרוצ'... האמת היא שזו מכת מדינה, ואני כבר יסרתי העם וחזרו למוטב..."

## כל המרבה ל"ספר"

אין אלע דורות זענען געווען אידן וועלכע האבן אלס געזוכט זיך צו פארגלייכן צו די גויים און די ערשטע זאך מיט וואס דאס האט זיך ארויסגעשטעלט איז געווען אראפצונעמען די פיאות, ווי זיי פלעגן צומאל לאזן איין "האר" אז עס זאל הייסן... אבער ווי פארשטענדליך האט מען דעם האר ניטאמאל געזען און מ'האט געדארפט נוצן צו דעם א טעלעסקאפ... כדאי צו באמערקן אז דער איד גייט מיט פיאות.

אין א תשובה אין תשב"ץ צו "ר' משה גבאי" שרייבט ער, אז ביי זיין ארט איז אויך נפרץ געווארן די מכה, און ער פירט אויס ווי פאלגענד:

"און פון די הלכה פונקט ווייסן מיר פונעם רמב"ם, וועלכע ער האט א "קבלה פון די זקנים" אז עס דארף האבן לכל הפחות פערציג האר... און דער לענג, וויבאלד מיר ווייסן נישט געניי ממילא דארף מען לאזן פון אנפאנג דעם קאפ ביז די בארד..."

און ער פירט אויס: "וכן היה כמעט בכל אלו שהיו משחיתים הפיאות ומשירים חוט באמצע..."

אין אשכנז זענען געווען אסאך אידן וועלכע האבן זיך מיקל געווען מיט'ן איסור פון אראפנעמען די פיאות און די האבן זיך פראבירט צו פארענטפערן אז זיי טוען דאס אלס שלום המלכות.

רבי יחיאל מיכל הלוי עפשטיין זצ"ל, דער בעל קיצור השל"ה זי"ע, וועלכער האט געלעבט מיט דריי הונדערט יאר צוריק באציט זיך צו דעם:

"מהראוי להזהיר על עון פלילי שנתפשט בעוה"ר בדור הזה... מאיסור הגדול של השחתת הזקן והפיאות מה שמפורש בתורה לא תקיפו פאת ראשכם... ויש מקילים ואומרים תירוץ משום שלום מלכות וזה אינו... וקי"ו שנתפשט מנהג הרע הזה אפילו שפלים – עבדים שאין להם שייכות למלכות, ובוודאי עוונם גדול מנשוא..."

הונדערט יאר דערויף האט הגאון רבי אליעזר

פלעקלעס זצ"ל דער באריםטער תלמיד פונעם הייליגן נודע ביהודא זי"ע וועלכער איז געווען ראב"ד אין פראג און ממלא מקום רבו, גע'דרשנ'ט איבער דעם מכשול וועלכע האט זיך אריינגעכאפט אין זיינער צייט אין פראג, ווי ער זאגט דארט צווישן אנדערן:

"און איצט ווען פרישע עבירות זענען אנגעקומען אהער, וואס מיר האבן נישט געהערט און נישט געזען ביי אונזערע עלטערן, זיך אוועקצוזעצן ביי א גוי און זיך אפשערן די פיאות מיט א גאל מאשין... און עס איז ליידער צוגעקומען צו א מצב פון וכל המרבה ל"ספר" הרי זה משובח..."

## אין זכות פון די פיאות האט ער זוכה געווען צו קבר ישראל

די פיאות אלס אידישער סימן האט אויך צוגעבערענגט אז א איד זאל קענען קומען צו קבר ישראל.

אין אן אלטער כתב יד וועלכער באציט זיך צו "קהל הקודש במצרים" וואו עס ווערט ארויסגעגעבן א תיקון תשובה פאר איינעם וועלכער האט זיך אפגעשוירן די פיאות (מיר האבן נישט געקענט דערגיין ווער עס איז דער 'בעל התשובה') שרייבט ער ווי פאלגענד:

"זאלסט וויסן אז עס שטייט פון רבי יהודה החסיד ז"ל אז איינער וואס שערט אפ די פיאות, איז ביי די צייט פון יציאת נשמה קומען צו אים מלאכי חבלה...

"און דער טעם פון די מצוה לויטן פשוט'ן פשט איז, ווייל אין היינטיגע צייטן גייען די גוים אנגעטון די זעלבע קליידער ווי אונז... און ווען א איד וועט ארויסגיין אין די גאס וועט מען טראכטן אז ער איז א גוי, און כל שכן טאמער וועט ער שטארבן אויפן וועג, קען גאר זיין אז מ'וועט אים באגראבן אין א גוי'אישן קבר, אבער דורך די 'גרויסע פיאה' ווי דער קהל הקודש אין מצרים לאזט זיך וואקסן... ביי אזא איינעם ווערט מקויים דער ואבדיל אתכם מכל העמים...

"און אזא עפיזאד האט טאקע פאסירט, אז מ'האט נישט געוואוסט איבער א טויטן וועלכער איז ערמארדעט געווארן צי ער איז א איד אדער א גוי, און דורך א פיאה איז ער דערקענט געווארן אז ער איז א איד און ער איז געקומען לקבר ישראל..."

## לא תגע בו יד

דער שיעור פון די פיאות שטייט ארויסגעשריבן מפורש אין שו"ע (יו"ד קפ"א) ווי דער מחבר לייגט צי א אזהרה חמורה, א זעלטענע זאך אין די סעיפי השולחן ערוך ווי ער שרייבט: "שיעור הפיאה, מכנגד שער שעל פדחתו ועד למטה מהאוזן מקום שלחי התחתון יוצא ומתפרד שם, **וכל רוחב מקום זה לא תיגע בו יד**."

הרה"ק רבי חיים וויטאל זי"ע שרייבט אונז אינעם שער המצוות איבער זיין גרויסן רבי'ן דער אריה"ק זי"ע:


דער ציון פונעם אר"י הק' זי"ע


הגה"ק רבי שאול בראך זצ"ל

"היה נזהר מאד מורי ז"ל, לשייר השערותא אשר בצדעים, שהוא כל השערות שיש בין האוזן לאותו המקום החלק שאין בו שער... וגובה הפיאות שיעורן עד מקום שיגביה ראש האוזן למעלה, ועד מקום שיגיע שם ראש האוזן, נקרא פאה בבחינת הגובה..."

אין שער הכוונות שרייבט ער: "היה מורי זלה"ה נוהג להניח כל רוחב הצדדים שהוא כל שער שיש מהאוזן עד שליש המצח..."

עס איז דא דער ארט צוצוברענגען וואס דער "מגדול עוז" שרייבט: "מיום שעמדנו על דעתינו לא העברנו ברזל על בשרנו... לא בראש ולא בגוף".

אפילו די וואס פירן זיך אפצושערן געוויסע טיילן פון די פיאות דארפן אויך אכטונג געבן, ווי דער "יוסף אומץ" ווארנט אין זיינער צייט: "מאד יש ליזהר בענין גילוח הפיאות והזקן שעונשם גדול מאד... וראוי ליזהר בענין הפיאות ושיעורם בכל הדקדוקים... אותם המגלחים כל שיער הראש שקורים "קולפין" רובן אינן מניחים שיעור הפיאות ברוחב וגובה... אבל המניחים שערות ראשם ארוכים בגילוחם אין חששא כולי האי..."

אויך אין די לעצטע דור ווארנט הגה"ק רבי שאול בראך זצ"ל דער קאשוי'ער רב, אין זיין ספר "שאול שאל" ווי ער שרייבט ווי פאלגנד: "ומזה נלמד להזהר באם מגלחים הראש ב'כלי מאשין' הנהוג עתה, כי הרבה פעמים ראיתי שגילחו ולא הניחו כדי לכוף ראשם לעיקר ונכשלים באיסור תורה".

און ווי עס זעט אויס האבן איבער דעם זייער אסאך אידן אכטונג געגעבן נישט צוצורירן די פיאות און מחמיר זיין אויף זיך ווי די אזהרה אין שולחן ערוך "לא תיגע בו יד".

## דער שיעור פון די ברייט פון די פיאות

אין ספר ארחות רבינו ווערט געברענגט אז דער סטייפעלער גאון זצ"ל האט דערציילט אז ווען ער פלעגט אפשערן דעם חזון איש זצ"ל האט ער אים געוויזן דעם שיעור פון די פיאה, פון דעם ארט וואס איז רינדעכיג העכער די אויער פאנגט זיך אן צו גיין שיף צום פנים זייט און פון דארט גייט דאס ארויף שיף ביז די אויבערשטע ווינקל ביים שטערן, וועלכע נעמט צוזאם די האר פון די זייט מיט די האר פון קאפ, אלע האר אינדערצווישן איז "פיאה" און די אנדערע האר זענען איבעריג.

און דער חזון איש זצ"ל פלעגט ארויפלייגן זיין פינגער העכער די אויער, און ער פלעגט זאגן, פון די פינגער און העכער זאלסטו אראפנעמען.

## קעמען די פיאות מיט א קעמל

אין די ספרי הפוסקים איז פארהאן א מחלוקת אויב מ'מעג קעמען די פיאות מיט א קעמל, לויט די שיטות אז מ'טאר נישט אראפרייסן קיין האר פון די שיעור הפיאות אויך נישט מיט א 'שער מאשינדל', און עס געשעט דאך



דער סטייפעלער גאון זצ"ל



מרן החתם סופר זצ"ל

אסאך מאל אז מיטן קעמען פאלט ארויס האר און עס איז לויט זיי פארהאן א חשש פון עובר זיין אויפן לא תקיפו פאת ראשכם.

דער גאון רבי עקיבא אייגער זי"ע איז דן איבער די שאלה און ער האט דאס אויך אוועקגעשיקט צו זיין גרויסן איידעם דער הייליגער חתם סופר זי"ע (שו"ת חתם סופר יו"ד קל"ט) אין זיין תשובה ענטפערט דער חת"ס צו זיין גרויסן שווער: "לא ראיתי לרבנן קשישי דמזהרו בהכי, וגם ראיתי למורי הגאון חסיד שבכהונה מהו' נתן אדלער זצ"ל מרי דעובדא דעביד הכי".

און ער פירט אויס: תבנא לדינא שפשוט היתר גמור בלי פקפוק, וזכות למנהגן של ישראל לסרוק ראשם במסרק.

## אראפנעמען די פיאות פון די אויערןביים דאווענען

אסאך אידן וועלכע האלטן די פיאות הינטער די אויערן, פירן זיך אראפצונעמען די פיאות ווען זיי שטעלן זיך צו די תפלת שמונה עשרה. דער הייליגער "יסוד ושורש העבודה" האט שוין געוואורנט איבער דעם ווי ער שרייבט (שער הקרבן פ"ב): "יזהר האדם בתפלת שמונה עשרה שלא יכסו שערותיו של הפיאות את אזנו כמבואר ב"זוהר חדש".

דער תוכן הדברים איז, ווייל די האר זענען מרמז אויף "דינים" און איבער דעם דארף מען אראפנעמען די האר כדי עס זאל נישט זיין פארשפארט די טויערן פון תפילה, און איבער דעם פירט מען זיך אויך ביי אונז אראפצונעמען יעדן שטיקל האר אונטער די אויער בעפאר שמונה עשרה.

דער מונקאטשער רב הגה"ק בעל מנחת אלעזר זצ"ל האט מקפיד געווען נישט ארונטערצולייגן די פיאות אגאנצן טאג (דרכי חיים ושלום) ווייל ער האט געהאלטן אז נישט נאר ביים דאווענען דארף מען אכטונג געבן פון דינים.

אבער דער חזון איש זצ"ל האט געהאלטן פארקערט, אז דאס וואס עס שטייט אין זוהר חדש מיינט מען ביי די לעכער פון די אויערן, און ער האט טאקע געהאלטן אז עס איז בעסער אז מ'זאל לאזן די פיאות הינטער די אויערן כדי זיי זאלן נישט פארשטעלן די לעכער פון די אויערן.

די צוויי דיעות זענען מבוסס אויפן דיוק אינעם לשון הזוהר "לבערא לון מן בתר אודנין" און דער מגיה אויפן "דרכי חיים ושלום" שרייבט אז ער האט א זוהר מיט הגהות כת"י מיט די חתימה פון רבי חיים מצאנז (הגאון רבי חיים צאנזער פון די חכמי הקלויז אין בראדי) וועלכער האט מגיה געווען לבערא "לבתר" אודנין, דאס מיינט "הינטער" און נישט "פאר" די אויער.

אבער אט די צוויי זענען מכבשונו של עולם, און מיר קענען נישט מכריע זיין אין דעם, ונהרא נהרא ופשטיה. ■



דער מונקאטשער רב הגה"ק בעל מנחת אלעזר זצ"ל



דער חזון איש זצ"ל

בס״ד

**מלא טבא** **וגדיא יאה**

# שבת בשבתו

**ש** מוא״ל בקראי שמו בלשון חיבה, ברגשי הערצה והוקרה רבה, בשפ״ה ברורה ונעימה פינו מרח **ש**
**מ** זלא טבא וגדיא יאה, משמי מרומי עילאה, מקרב לבבינו מלא תהלה, קול מברכים נרי **מ**
**ו** פנח״ס בדין הוא שיטול שכרו, הוד והדר פעלו, ברוב כשרון והשכל לטובת שבת בשבת **ו**
**א** יש האשכולות הוגה בשעשעין לאורייתא, צנא מלא ספרא, בעמקי הסוגיות מעלה מרגניתא טב **א**
**ל** תורה וחסד ולעבודה שבלב ויעמוד פנח״ס ויפלל נעים הליכות ורב תבונות נתיבותיו מהול **ל**

**פ** אר והדר במעשה אומנות לשפר גליונינו הולך ומוסיף, בעצה ותושי׳ מלווה אותנו בכל דרכינו להעדי **פ**
**נ** עימות יתנו ובית הלוי״ זמירות ישמיעו בהאי עידן בשמחת הולדת הבן, בעזר שוכן מעו **נ**
**ח** דוותא דליבאי בשעה טובה ומוצלחת, על זאת שבחו אהובים לברך את בית הלוי ולשב **ח**
**ס** ג״ל חבורת המערכת ״שבת בשבתו״ יחדיו נרנן בכל לשון קילוס, בעת משוש לתפארת ולנ **ס**

קדם ידידינו היקר מאוד נעלה, אציל המדות כליל המעלה, מופלג בתורה ויראת שמים, הוגה בפנינים יקרים,

מוה״ר

## שמואל פנחס הלוי פריעדמאן

הי״ו

**הוא הגבר אשר בכשרנותיו הברוכים וידיעותיו המרובים הוא לנו למאיר עינים להוציא דבר נאה ומושלם מדי שבת בשבתו ברוב פאר ויופי**

**הנה מה טוב ומה נעים, קול מברכים נרים,**
**לרגל השמחה במעונו שורה בהולדת בנו מנחם למזל טוב ובשטומ״צ**

**ש** וכן שמים, ישפיע שמחה ונחת מלא חפנים, בהצלחה מרובה בכל ענינים,
**ב** ברכאן דלעילא ולתתא יהון שרויים, בין כסא לעשור ברכת ה׳ לנטעי נאמנים,
**ת** ענוג דקדושה בהרחבת הדעת ברב אונים, טוב וחסד ירדפוהו לאורך ימים ושנים,

**ב** נים ובני בנים עוסקים בתורה ולמצות פונים, הרחמן הוא יברך את ביתו בשלום,
**ש** יהיו בנים מאירים לגדלם ולחנכם לתורה לחופה ולמעשים טובים,
**ב** ספרן של צדיקים, יחתם לטב ולחיים לשנה טובה ומתוקים,
**ת** בענה שפתינו תהלות, מזמור לתודה על רוב פעולתיו הטובים והגדולות,
**ו** נזכה לשנת גאולה וישועה, בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

**המערכת שבת בשבתו**
**משה יצחק עקשטיין**

י. ק. קענווי איילענד

# די הלכות פון ווערטער אונטער בילדער

**(כתב שתחת הצורה)**

איינע פון די שאלות וואס אסאך מענטשן האבן אן אומקלארקייט דערין, איז די סוגיא פון "כתב שתחת הצורה", דאס מיינט דער דין אז מען טאר נישט ליינען שבת קיין שום ווערטער וואס געפינט זיך אונטער/נעבן א בילד (סימן ש"ז סט"ו).

דאס מאכט זייער שווער אין אסאך היינטיגע אויסגאבעס – צווישן זיי שבת בשבתו – וואס געפינט זיך אין דעם אסאך בילדער מיט ווערטער, און אידן פראבירן צו זיין ערליך און נאר ליינען דער באשרייבונג אן די ווערטער פון די בילדער, אבער דער אויג גיט א פלי צו די ווערטער, און מ'ווערט נכשל.

מענטשן פרעגן וואס איז די הלכה אין דעם, מעג מען אדער מעג מען נישט, איז עס א הידור, אדער א חומרא, וכדומה.

אזוי ווי עס איז דא פארשידענע ספרים פון חשוב'ע תלמידי חכמים אויף דער נושא, און נישט אלע גייען מיטן זעלבן מהלך, ברענגען מיר דא פון ספר "פיה פתחה בחכמה" (ריש חלק ב', וכל המ"מ דלהלן הכוונה לספר הנ"ל) וואס איז די פסקים פון דעם באקאנטן גאון הרב פאלק זצ"ל, וואס זיינע פסקים זענען שטארק חשוב בתפוצות ישראל [עס זענען אבער דא חולקים, סיי לחומרא און סיי לקולא].

### בילדער אן קיין ווערטער

[א] מען מעג קוקן שבת **אויף בילדער**, ווייל הגם חז"ל האבן גע'אסר'ט צו 'ליינען' פארשידענע זאכן, זענען אבער בילדער נישט בכלל דער איסור, וויבאלד דאס איז נישט קיין ווערטער וואס "מ'ליינט" (שועה"ר קונט"א סימן ש"א סק"א, ופרמ"ג שם א"א סק"ד).

### בילדער מיט ווערטער

[ב] די ווערטער וואס שטייט נעבן די בילדער [עס איז נישט קיין חילוק צי עס איז 'אונטער' די בילד, אדער אין די זייט], טאר מען נישט ליינען שבת - חוץ אין די אופנים וואס מיר וועלן ערקלערן ווייטער - און דאס איז בכלל די גזירה פון שטרי הדיוטות.

[ג] אזוי ווי לגבי אלע אנדערע זאכן וואס מען טאר נישט ליינען שבת איז דא פארשידענע היתרים וועין מ'מעג ליינען אפילו לכתחלה, איז לגבי ווערטער אונטער בילדער אויך דא די היתרים.

[ד] די היתרים וואס מיר טרעפן בנוגע ליין מאטריאל שבת, זענען א) צורך מצוה. ב) דברי תורה ויראת שמים. ג) דברי חכמה. ד) צרכי הגוף [דאס מיינט נישט הנאת הגוף, נאר א זאך וואס עס איז א צורך].

### צורך מצוה

[ה] דער היתר פון צורך מצוה מיינט, אז אפילו א זאך וואס מ'טאר נישט ליינען שבת, ווי למשל וועלטליכע נייעס, אויב דער וואס ליינט עס דארף עס וויסן לצורך מצוה, איז עס מותר (עמוד ל"ב עיי"ש). אבער דער היתר פון דברי תורה ויראת שמים, האט נישט צו טון מיט וועלכע כוונה דער מענטש ליינט עס, נאר דער עצם פאקט אז דער מאמר איז א מאמר פון תורה אדער יראת שמים, מאכט עס מותר צו ליינען (עמוד ל"ג הערה כ').

[ו] דערפאר א ספר וואס איז תולדות פון גדולי ישראל – אדער אפילו א מעשה ביכל פון ענייני מדות טובות וכדומה – מעג מען ליינען שבת (אפילו נישט מיט די כוונה זיך אפצולערנען דערפון), און מ'מעג אויך ליינען וואס עס שטייט נעבן די בילדער, ווייל אזוי ווי מ'מעג ליינען דער ספר, מעג מען אויך קוקן די ווערטער פון די בילדער, וואס דאס איז א חלק פון דעם ספר.

[מען טאר אבער נישט ליינען דער חלק פון דעם ספר וואס איז נישט פון דעם עיקר ספר, למשל טעכנישע חלקים וכדומה (עמוד מ"ו הערה ל"ו).]

[ז] און אוודאי אויב דער בילד קומט אויסצולערנען א געוויסע הלכה, אדער מסביר זיין א מאמר חז"ל – ווי למשל א פרשה בילד וואס איז לויט חז"ל – מעג מען זיכער ליינען דאס וואס שטייט אונטער די בילד.

### ספרי חכמה

[ח] בילדער וואס געפינען זיך אין ספרי "חכמה" ווי למשל ספרים וואס זענען מסביר די טבע פון בעלי חיים, איז לויט די עיקר הלכה מותר צו ליינען שבת, אבער די פוסקים זאגן אז א ירא שמים איז כדאי מחמיר צו זיין, און נישט ליינען פון די ענינים [נישט דוקא די ווערטער פון די בילדער נאר דער גאנצער ספר חכמה] (שם עמוד מ"ג).

### בילדער אויסגאבעס

[ט] די אויסגאבעס וואס האבן נאר בילדער, אפילו אויב די בילדער זענען פון גדולי ישראל, מעג מען נישט קוקן אויף די נעמען פון די בילדער. און איינער וואס ווייסט אז אויב ער וועט קוקן די בילדער וועט ער בטעות אויך קוקן אויף די ווערטער זאל בכלל נישט קוקן די אויסגאבעס אין שבת (שם בהערה).

די סיבה פארוואס דאס הייסט נישט עניני תורה ויראת

שמים, וויבאלד בדרך כלל ווערט א מענטש נישט נתעורר צו יראת שמים דורך די בילדער, מ'קוקט עס נאר פאר הנאה (שם).

עס איז אבער נישט קיין חיוב מוחה צו זיין איינער וואס קוקט אין די אויסגאבעס, און ער זאגט נישט ארויס די ווערטער וואס עס שטייט געשריבן ביי די בילדער מיט די מויל (שם).

בילדער פון א געוויסע צדיק וואס ער איז מקושר מיט אים, איז לייכטער, והכל לפי הענין (שם).

דער איסור פון ליינען די נעמען אונטער די בילדער, איז אפילו אויב עס שטייט דארט בלויז א נאמען, אן קיין שום צוגעלייגטע זאכן וכדומה (שם בפנים).

[י] אסאך פרעגן די קושיא, אז אין שלחן ערוך שטייט דאך אז מ'טאר נישט קוקן אויף די ווערטער פון א געמאלענע בילד פון דוד וגלית, לכאורה איז דאך דאס דברי תורה פון תנ"ך? דער ענטפער איז, אז אויב דער מעלער וואלט עס געמאלן צו מסביר זיין דברי חז"ל וואלט עס טאקע געווען מותר, אבער אין חז"ל'ס צייטן איז עס געווען סתם א געמאלענע זאך וואס עפעס א מעלער האט געמאכט נישט לויט חז"ל, און דערפאר איז דאס נישט מותר (שם הערה כ"ה).

### קאמיקס און נאוועל"ס

[יא] קאמיקס ביכלעך וכדומה, וואס איז בילדער מיט ווערטער אונטער דעם, אויב די מעשיות וואס שטייט דארט לערנט אויס פאר די קינדער עניני חינוך ודרך ארץ ויראת שמים, איז עס מותר. אויב עס איז סתם מעשיות אין די וועלט אריין, איז עס אסור. אזוי אויך בילדער מיט ווערטער וואס איז געמאכט אויסצושארפן די קאפ איז **נישט מותר צו ליינען די ווערטער** (דאס הייסט נישט דברי חכמה עיי"ש עמוד מ"ז).

[יב] נאוועל"ס (וואס האט נישט קיין ריכטיגע מוסר השכל) איז בדרך כלל נישט מותר צו ליינען שבת, נישט דער ביכל אליינס, און נישט (-אויב עס האט-) ווערטער פון די בילדער (שם עמוד מ"ז).

(ביז דא איז פון ספר פיה פתחה בחכמה)

### שבת בשבתו

בנוגע די מאמרים פון שבת בשבתו; דער בילד פון "ווער געדענקט" איז די נייע בילד מותר צו קוקן וויבאלד ווי געשמועסט אויף א בילד אליינס מעג מען קוקן. אבער די אלטע בילד מיט די תשובות איז בדרך כלל נישט מותר צו קוקן די תשובות אין שבת [און עס איז כדאי צו קוקן דערויף פאר שבת צו פארמיידן נסיונות..]

די אנדערע בילדער איז הכל לפי הענין; בדרך כלל איז אלע ארטיקלען דברי תורה אדער צדקה וחסד וואס דאן איז מותר צו ליינען די ווערטער אונטערן בילד, אבער ווי פארשטענדליך דארף מען אייביג זיכער מאכן אז דאס איז טאקע די מציאות.

א מאמר וואס די בילד האט נישט דוקא א שייכות מיט די מאמר [למשל אויב מ'רעדט פון בארדיטשוב און עס איז דא א בילד פון א לעפל פון דעם קדושת לוי וכדומה], קען מען אריינקלערן צי מען מעג עס ליינען שבת (ומי שיש לו ראיה לזה או שמועה מגאון הנ"ל נא להודיענו).

מיר האפן צו השי"ת אז די קלארקייט אין די הלכה זאל ברענגען אז מ'זאל זיך מחזק זיין אין הלכות שבת – בפרט אין דעם זכות פון הרב פאלק זצ"ל וואס האט זיך מוסר נפש געווען צו לערנען מיט כלל ישראל הלכות שבת און אנדערע הלכות – **און מ'טאר נישט פארגעסן דער תכלית פון שבת קודש אז א איד זאל געדענקען וואס דער תכלית פון זיין קומען אויף דער וועלט איז, און א ירא שמים איז עוסק שבת נאר אין זאכן וואס ברענגען באמת צו דער תכלית**, און בזכות שמירת שבת כהלכתו זאלן מיר זוכה זיין צו קירוב הגאולה בב"א.

## לעטר פתורא

# ליב האבן א איד אויף ווען ער איז דיין קאנקורענץ

**ואהבת לרעך כמוך.**

צו דער הייליגער צדיק רבי נחום קאפלאן – באקאנט אלץ רבי נחום מהודנא זצ"ל - איז אמאל געקומען צו גיין צוויי סוחרים וואס האבן געארבעט אין די זעלבע פאך און האבן קאנקערירט צווישן זיך איינער מיט דעם אנדערן.

ווען דער צדיק האט געהערט זייערע טענות האט ער זיי גע'מוסר'ט, זאגנדיג אז די תורה הק' געט אן עקסטערע אזהרה פאר די סארט אידן ווי ענק.

די תוה"ק זאגט **ואהבת לרעך כמוך**, אין כמוך איז מרומז, איינער אזוי ווי דיר, דהיינו איינער וואס קאנקערירט זיך מיט דיר, ער האט די זעלבע פאך ווי דיר, אויף אזא איינעם קומט צוגיין אן עקסטערע ציווי אז מען מוז זיך מער ליב האבן ווי אנדערע.

[משולחן גבוה]



# ראטעוועט ר' משה חיים ארי'

הונדערטער אידן תושבי עירנו גרייטן זיך אנטיילצונעמען ביים קריטיש וויכטיגן מסיבה לטובת המוסד הקדוש "אורה ושמחה" וואס איז מחנך ארום 300 ספרד'ישע מיידלעך על דרך ישראל סבא אידן וועלן ארויסווייזן שטיצע פארן - מסירות נפש'דיגער מנהל הצדיק רבי משה חיים ארי' שליט"א וועלכער האט נישט געקענט אהערקומען צוליב זיין געזונט צושטאנד

דער חשוב'ער מנהל פון "אורה ושמחה", דער צדיק **רבי משה חיים ארי' שליט"א**, וואס פלעגט כסדר ארויסקומען צו אונז אחינו בני ישראל תושבי עיה"ב לאנדאן צו די יערליכע מסיבה וואס קומט פאר צו מחזק זיין און שטיצן דעם הייליגן מוסד, איז היי יאר נישט געקומען! ביז איצט פלעגט ער אויך קומען מיט א געוואלדיגע מסירות נפש, טראץ זיינע שוואכע כוחות האט ער זיך געשטארקט און געקומען, האבנדיג א ספעציעלע חביבות פאר די לאנדאנ'ער אידן וואס האבן זיך זייער שיין משתתף געווען בעין יפה אים צו העלפן אויפהאלטן די מוסד. אבער אין דעם יעצטיגן מצב איז אים ממש כמעט אוממעגליך ארויסצוקומען.

אויסער וואס ער ליידט אויף אסאך געזונט פראבלעמען, האט ער ליידער אויך געהאט אן עקסידענט, נאך וואס א קאר האט אים אומגעווארפן, און מ'האט אים געמוזט אפערירן די פיס. נאך די אפעראציע האט ער געדארפט זיין אין א "ריהעב", ב"ה ער האט זיך ערהוילט, אבער ער איז נאכנישט אין די כוחות אויפן מינוט און קען דערוויייל נישט ארויספארן פון ארץ ישראל.

באזונדער האט ער זיך שטארק געפלאגט מיטן טרויעריג באוואוסטן "קאראנע ווירוס", וואס טראץ מ'האלט שוין עטליכע יאר דערנאך האט עס געהאט זייער א שטארקע ווירקונג אויפן מוסד וואס שפירט זיך נאך ביז היינט, נאך וואס דער מנהל איז געווען שטארק אפעקטירט און האט פאר א לענגערע תקופה נישט געקענט געהעריג עוסק זיין אין שאפן געלט פארן מוסד, א זאך וואס האט געמאכט דעם שוין-אזוי-אויך שווערן מצב צו ממש אומדערטרעגליך!

ב"ה אז די עסקנים שלאפן נישט און טראץ וואס דער מנהל שליט"א קען נישט אהערקומען האבן זיך די עסקנים ארייגעווארפן צו אפערעכטן די מסיבה ווי אין די גוטע צייטן. די מסיבה וועט טאקע פארקומען מיט ר' משה חיים'ס אפוועזנהייט אבער זיין הארץ וועט אוודאי זיין דא, און די ישועות וואס אידן זעען כסדר אין זכות פון שטיצן דעם מוסד וועט זיך זיכער נישט אפשטעלן און די השפעות וועלן וייטער פליסן.

אין ליכט פון די גאר וויכטיגע מסיבה האבן מיר געכאפט א קורצע שמועס מיט איינעם פון די עסקנים צו הערן אפאר ווערטער איבער די וויכטיגקייט פון שטיצן אט דעם הייליגן מסירות נפש'דיגן מוסד.

## א גוטן כבוד העסקן. קודם אויב קענט איר אונז זאגן בקיצור וועגן די מוסד "אורה ושמחה"; ווער האט מייסד געווען דעם מוסד?

דער רבי פון הגה"צ רבי משה חיים ארי' שליט"א, הרה"צ רבי ששון מזרחי זצוקל"ה וואס איז



הרה"צ רבי ששון מזרחי זצוקל"ה

געווען א תלמיד פון הרה"צ רבי יעקב מוצפי זצוקל"ה - א איד וואס איז געזעסן משבת לשבת אין ביהמ"ד און געווען מגדולי המקובלים בדורינו - האט געבעטן פון רבי משה חיים ער זאל עפענען דעם מיידל שולע, ווייל עס איז נישט געווען פאר ערליכע ספרד'ישע מיידלעך קיין סקול אין ירושלים. ער האט עס טאקע געעפנט אבער דער גאנצער עול איז געפאלן אויף אים.

## ער אליין טראגט דעם גאנצן עול?

יא! ממש אזוי, ער טראגט דעם פרעשור יעדן טאג פון יאר!! שוין איבער 32 יאר!!! מען דארף מחזק זיין דעם איד, דעם צדיק, אז דער מוסד זאל קענען אנגיין. מען דארף

ער אליין האט ווייטער פון שפיטאל בעט מיט די אקסידזשען אין מויל גערופן יעדן טאג פאר געלט. ווייל ווי געזאגט - נאך ער טראגט דעם פרעשור. דעריבער טראץ זיין שוואכקייט און יסורים, זיצט ער און טעלעפאנירט - אסאך מאל ווען עס איז אינמיטן די נאכט אין אר"י - איבער די גאנצע וועלט זאמלען נדבות.



בנין פון די מיידל שולע אויף רח' יוסף קארו אין ירושלים

האבן די זכי' צו פארשטיין וואס מיינט כל המציל נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא! און בפרט יעצט אז ער קען נישט קומען דארף מען אים נאך מער מחזק זיין.

## ווער האט געטראגן דעם עול ווען ער איז געווען אין שפיטאל צוליב'ן עקסידענט, און אויך ווען ער האט געהאט דעם ווירוס?

ער אליין האט ווייטער פון שפיטאל בעט מיט די אקסידזשען אין מויל גערופן יעדן טאג פאר געלט. ווייל ווי געזאגט - נאך ער טראגט דעם פרעשור. דעריבער טראץ זיין שוואכקייט און יסורים, זיצט ער און טעלעפאנירט - אסאך מאל ווען עס איז אינמיטן די נאכט אין אר"י - איבער די גאנצע וועלט זאמלען נדבות.

און דאס איז איצט דער דרינגענדער אפיל, אז דער מוסד וואס ראטעוועט אידישע קינדער פון שמד ר"ל, זאל קענען ווייטער אנגיין! פארשטייט זיך, אז עס איז דאך נישט דאס זעלבע ווי ווען ער קומט פערזענליך זיך צו טרעפן מיט די נדיבי עם, ווען מ'איז אים נושא פנים און מען רופט זיך אן מיט שיינע סכומים. אבער דעם איד דארף מען מחזק זיין, עס איז זעלטן צו טרעפן אזא געהויבענער צדיק.

## מען שרייבט אויף די מודעות אז מען

## דארף מציל זיין דעם מוסד, איז דאס נאר אזא וואָרט וואס מען נוצט אויף צו מאכן מער געלט?

ניין! דאס איז ממש כמשמעו, דער מנהל - וועלכער איז געשטאנענען אין שפיץ פון די ישיבה פורת יוסף 19 יאר! - איז איין מענטש אליין, וואס דארף שאפן געלט פארן טעגליכן בודזשעט. דער עול, דער פרעשור פון צאלן די טיטשערס און די אלע איינגעשטעלטע ליגט נאר אויף אים! נישטא אזא מציאות פון א מוסד, וואס דאס אנפירן דעם מוסד און דעקן דעם בודזשעט ליגט אויף איין מענטש, וואס איז נישט געזונט, נישט קיין יונגערמאן, און נישט קיין פשוט'ער מענטש נאר א צדיק עולם!! אן קיין שום סטעפ! ווי לאנג קען דאס אזוי אנגיין?

> **די מסיבה וועט טאקע פארקומען מיט הרה"צ ר' משה חיים'ס אפוועזנהייט אבער די ישועות וואס אידן זענען כסדר אין זכות פון שטיצן דעם מוסד וועט זיך זיכער נישט אפשטעלן און די השפעות וועלן ווייטער פליסן**

## עס איז דאך א גרויסע אחריות אז אזא מוסד זאל ליגן אויף איין מענטש?

ס'מוז נישט ליגן אויף איין מענטש! מען דארף זיך אנרופן מיט שיינע נתינות דער עולם זאל קומען צו די מסיבה מיט חשוב'ע נתינות און זיך אנרופן ווארעם.

טאקע צוליב דעם שווערן מצב אפעלירן יעצט די עסקנים צום חשוב'ן ציבור: **זעט אז דער מוסד וואס איז מגדל אידישע טעכטער על דרך ישראל סבא זאל האבן א קיום!!**

א גרויסע הילף וואס מ'קען שענקען פארן מוסד איז דורכ'ן ווערן א שותף מיט "חודש'ליכע נתינות", דורך א קרעדיט קארד אדער העד-טשעקס, און אזוי ארום העלפן פארזיכערן דער עתיד פון דעם מוסד און פון די קינדער, זאלן ווייטער קענען באקומען אן ערליכן חינוך.

איר דארפט פארשטיין אז געבן פאר אזא מוסד איז הצלת נפשות ממש!

## ממש אזוי.. פארוואס איז דאס הצלת נפשות?

אין דעם מוסד ווערן נתחנך בערך 300 ספרד'ישע מיידלעך אויפן חינוך הישן והמקובל, בלי ליהנות ממקורות זרים, מיטן באשיידענעם ירושלים'ער צניעות'דיגן לבוש.

ווען נישט דער מיידל סקול וואלטן שוין א גרויסע טייל פון די מיידלעך ח"ו פארפאלן געווארן צו די גייסט פונעם גאס, דער מוסד האלט זיי ממש ביי אידישקייט דורכ'ן צושטעלן אזא גוטע און ערליכע חינוך.

עס איז זיכער אז די אלע וואס העלפן ארויס דעם מוסד הקדוש וועלן געהאלפן ווערן מיט כל משאלות לבם לטובה בכל ענינים. אברהם אבינו ע"ה, דער טאטע פון די אלע קינדער, וואס עס שטייט אז ער באוויינט די אלע קינדער וואס ווערן ליידער פארפאלן, וועט זיכער זיין א מליץ יושר און אידן וועלן געהאלפן ווערן מיט אלע גוטע השפעות. ווי ס'איז באקאנט ביי פילע אידן וואס זענען שוין געהאלפן געווארן דורכ'ן שטיצן דעם הייליגן מוסד מיט בני חיי ומזוני, נחת והצלחה וכל טוב עבגצ"א.



הרה"צ ר' משה חיים ארי' שליט"א

די ליינער קענען אריינצוגעבן אינפארמאציע אויף די בילדער דורך:
לאזן א **מעסעדזש** אויף שבת בשבתו טעלפון סיסטעם
020 39 815 815 #5

**אריינפאסטן** אין שבת בשבתו לעטער באקס
Unit 4, 2a Northfield Road,
London N16 5RN

שיקן אן **אימייל** צו:
sbsvergedenkt@gmail.com

אזוי אויך בעהט מען פון די ליינער זיי זאלן אריינשיקן
אינטערסאנטע בילדער להנות בהם בני אדם

# ווער געדענקט?!

#84



## ענטפער פון ווער געדענקט #83



**דער שיינער בילד איז ביי א משפחה שמחה דא אין לאנדאן, וואו מען זעט דעם חשוב'ן גאסט דער אנטווערפענער רב זצ"ל ביים אויפטרעטן מיט א דרשה לכבוד המאורע.**

מען דערקענט אויפן בילד:
1) הגה"צ **גאב"ד לאנדאן** זצ"ל
2) הגה"צ ר' **נתן יוסף מייזעלס** זצ"ל רב דקיט"ל
3) הגה"צ ר' **עזריאל שעכטער** זצ"ל דומ"ץ בלאנדאן
4) הגה"צ ר' **חיים קרייזווירטה** זצ"ל גאב"ד אנטווערפען
5) הגה"צ ר' **פנחס זעליג שטערן** זצ"ל אב"ד סערענטש
6) הר"ר **יהושע נחמן** (בר"מ) **שרייבער** הי"ו
7) הר"ר **יהושע נחמן** (בר"א) **שרייבער** הי"ו
10) הרה"ח ר' **פייוויל ריינער** ז"ל (?)
11) הרה"ח ר' **יקותיאל זלמן מאטיאש** ז"ל
12) הרה"ג ר' **יוסף יודא ווייס** שליט"א דומ"ץ וראה"כ בעלזא
17) הרה"ג ר' **שמעון טעסלער** שליט"א, טוען רבני
18) הרה"ח ר' **חיים ישעי' שווארץ** ז"ל
19) הגה"צ ר' **יצחק באב"ד** זצ"ל מטארטיקוב

# הזמנה!

הננו בזה בקריאה של חיבה להזמין את כל
תושבי עירנו הע״י לקחת חבל ולהשתתף

# למסיבת
# המשכת האור

להמשיך המסיבה הקבוע מידי שנה בשנה
שנערך ע״י אבינו הרה״ח ר׳ פייבל ז״ל

## לטובת המוסד הק׳ עטה״ק בירושלים עיה״ק
# אורה ושמחה

אשר בנשיאות המנהל אחד מיחידי סגולה בדורינו המוסר נפשו
למען המוסד ומתאבק בקיומו ומחמת מצב הכלכלה השורר
בעולם נמצא כעת במצב קשה מאוד אשר כמוהו לא היה

## הרה״צ ר׳ משה חיים ארי׳ שליט״א

שיתקיים בע״ה בליל היארצייט של אבינו ז״ל

## ביום א׳ פרשת אמור הבעל״ט
## בבית אמנו היקרה תחי׳
## 43 Bethune Road

וזכות המצוה ינן בעדכם להיוושע בכל משאלות לבבם לטובה
וישרה באהליכם תמיד אורה ושמחה

המצפים לקבל פניכם
אהרן משה, יואל, יושע שזר, אברהם יצחק, יעקב
רייגער

מסיבת
המשכת
האור
משיכין מסיבה הקבוע שנערך כעשרים שנה ע״י הרה״ח ר׳ פייבל רייגער ז״ל
לקיום המוסד הק׳ בית חינוך לבנות
אורה ושמחה
בנשיאות הרה״צ רבי משה חיים ארי׳ שליט״א
בליל היארצייט
א׳ אמור הבעל״ט

## מסיבת המשכת האור
בליל היארצייט של הרה״ח ר׳ פייבל רייגער ז״ל
**א׳ אמור - בבית המשפחה שיחי׳**
43 Bethune Road

# יארצייטן פון די קומענדיגע וואך

## שב"ק פרשת אחרי-קדושים - ח' אייר

רבי **ירחמיאל** מפרשיסחא בן רבי **יעקב יצחק** זי"ע, תקצ"א, ומנו"כ בפרשיסחא

רבי **משה מרדכי** מטריסק לובלין הי"ד בן רבי **יעקב אריה** מטריסק זי"ע, תש"ג

## יום א' - ט' אייר

רבי **ישראל** מבאקוי בן רבי **חיים משה** הלוי מסטעפין זי"ע, תרס"ב, ומנו"כ בבאקוי

רבי **חיים** מליסקא בן רבי **משה** זי"ע, תרס"ד, ומנו"כ בליסקא

רבי **משה** משאץ בן רבי **ברוך** מויזניץ זי"ע, תרפ"ו, ומנו"כ בשאץ

רבי **ישראל אריה ליב** בן רבי **ברוך** מסוקולובקא זי"ע, תרצ"א, ומנו"כ בנ"י

רבי **משה** בן רבי **ברוך** מסערעט זי"ע, תשנ"ט, ומנו"כ בזכרון מאיר ב"ב

## יום ב' - י' אייר

רבי **מאיר** (**מהר"ם**) מלובלין בן רבי **גדליה** זי"ע, שע"ו, ומנו"כ בלובלין

רבי **מאיר** מרגליות מאוסטראה בעל 'מאיר נתיבים' בן רבי **צבי הירש** זי"ע, תק"נ, ומנו"כ באוסטראה

רבי **יוסף** תאומים בעל 'פרי מגדים' בן רבי **מאיר** זי"ע, תקנ"ב, ומנו"כ בפראנקפורט

רבי **משה** מזוועהיל בן רבי **יחיאל מיכל** מזלאטשוב זי"ע, תקצ"א, ומנו"כ בזוועהיל

רבי **שמואל** מקאמינקא בן רבי **משה אהרן** זי"ע, תר"ג, ומנו"כ במיראפאל

רבי **יצחק אייזיק יהודה יחיאל** בן רבי **אלכסנדר סענדר** (סאפרין) מקאמארנא זי"ע, תרל"ד, ומנו"כ בקאמארנא

רבי **דוד** מטאלנא בן רבי **מרדכי** מטשערנאביל זי"ע, תרמ"ב, ומנו"כ בטאלנא

רבי **הלל** מקאלאמייא בן רבי **ברוך בענדיט** (ליכטענשטיין) זי"ע, תרנ"א, ומנו"כ בקאלאמייא

רבי **מרדכי דוד** בן רבי **יחיאל צבי** מטורנא זי"ע, תרס"ו, ומנו"כ בטורנא

רבי **מרדכי מאטיל** בן רבי **זאב וואלף** מסטריקוב זי"ע, תרע"ז, ומנו"כ בסטריקוב

## יום ג' - י"א אייר

רבי **נפתלי צבי** מראפשיץ בן רבי **מנחם מענדל** מלינסק זי"ע, תקפ"ז, ומנו"כ בלאנצהוט

רבי **יצחק** מראדוויל בן רבי **יחיאל מיכל** מזלאטשוב זי"ע, תקצ"ה, ומנו"כ בראדוויל

רבי **יהודה צבי** מסטרעטין בן רבי **שמואל זאנוויל** מזוואליב זי"ע, תר"ד, ומנו"כ בסטרעטין

רבי **חיים יהודה מאיר** בן רבי **מנחם מענדיל** מווישאווא זי"ע, תשכ"ט, ומנו"כ בב"ב

## יום ד' - י"ב אייר

רבי **ישראל** בן רבי **מרדכי** מגנישוב זי"ע, תקפ"ז, ומנו"כ בגנישוב

רבי **יהודה צבי** בן רבי **ישכר בעריש** מדאלינא זי"ע, תרס"ט, ומנו"כ בדאלינא

רבי **מאיר** בן רבי **יעקב שלמה** ממיקאלאיעוו זי"ע הי"ד, תש"ב

## יום ה' - י"ג אייר

רבי **פנחס** בן רבי **יוסף** מאוסטילא זי"ע, תרל"ה, ומנו"כ באוסטילא

רבי **יוסף** מראדוויל בן רבי **אליעזר** מטשאהן זי"ע, תרל"ה, ומנו"כ בגלינא

רבי **יעקב יוסף** מסטאניסלאוו בן רבי **מנחם נחום** מראחמיסטריווקא זי"ע, תרצ"א, ומנו"כ בוויען

## ער"ש - י"ד אייר

רבי **יהודה לייב** מזאקילקוב בן רבי **משה** זי"ע, בעל 'לקוטי מהרי"ל', תקפ"ו

רבי **יהודה צבי** [השני] מסטרעטין בן רבי **אורי** מראהטין זי"ע, תרס"ז, ומנו"כ בראהטין

רבי **אליהו חיים מייזל** אב"ד לאדזש בן רבי **משה** זי"ע, תרע"ב, ומנו"כ בלאדז

## שב"ק פרשת אמור - ט"ו אייר

רבי **שמואל** מקארוב בן רבי **אברהם ישעיה** זי"ע, תק"פ, ומנו"כ בוועגרוב

רבי **חיים מאיר יחיאל** ממאגלניצא בן רבי **אבי עזרא זעליג** זי"ע, תר"ט, ומנו"כ במאגליניצא

רבי **דוד משה** מגוואדזיץ סאדיגורא (שפירא) בן רבי **יצחק מרדכי** מגוואדזיץ זי"ע, תשמ"ח, ומנו"כ בהר הזיתים בירושלים ■

sbsbriven@gmail.com
Unit 4 2a Northfield Road, N16 5RN
Fax: 020 3670 3882
Tel: 020 39 815 815 Ext. 6

**לכבוד המערכת 'שבת בשבתו' הע"י**

ישר כחכם פאר אייער אויסגאבע א גאנץ יאר ובפרט פאר דעם "מועד במועדו" פארגאנגענעם פסח מיט די הערליכע באלערנדע ארטיקלען.

איך וויל זיך באציען צו דעם רייכן שמועס מיטן דיין הרה"ג ר' שמחה יונה קליין שליט"א פון בי"ד היכל המשפט. איינע פון די ביישפילן פון דיני תורות וואס קומען פאר ברענגט דער דיין א דוגמא פון איינער וואס האט געגעבן א פרייז צו בויען א לאָפט וכדו' און ביני לביני זענען די פרייזן פאר די מאטריאלן געשטיגן, דעריבער בעט דער בויער מער געלט, איז די פסק הלכה אז ער איז גערעכט.

אבער אזוי ווי דער דיין אליין אינעם שמועס זאגט אז ביי יעדע פאל קען זיך די הלכה טוישן, וויל איך טאקע ברענגען א מעשה שהיה אין דעם ענין.

מיין עלטער פעטער הרה"ח ר' משה אלי' קלאר ז"ל פון מאנסי איז געווען א נהנה מיגיע כפיו; ער איז געווען א סטאלער (קארפענטע"ר). ער איז נפטר געווארן ארום 35 יאר צוריק. ביי די שלושים פון זיין פטירה איז ער געקומען צו זיין איידעם יבלחט"א הרה"ח ר' יודל שפיטצער הי"ו אין חלום און אים געזאגט אז ער קען נישט קומען למקום מנוחתו בגן עדן ווייל ער איז שולדיג 400 דאלער פאר דעם און דעם איד (ער האט געזאגט די נאמען פונעם איד).

ר' יודל האט זיך ערוועקט פונעם חלום און ביים ערשטן געלעגנהייט אנגערופן דעם איד און אים געפרעגט צי ער האט אמאל פארבארגט פאר זיין שווער 400 דאלער. ענטפערט דער איד אז ער האט קיינמאל נישט פארבארגט קיין געלט פאר קיינעם. האט ער אים געבעטן זיך צו דערמאנען צי ער האט אמאל געהאט עפעס צוטון מיט זיין שווער ר' משה אלי'.

דעמאלטס האט ער זיך דערמאנט אז ער האט אמאל באשטעלט ר' משה אלי'ן צו בויען שאפעס ביי אים אינדערהיים, און מ'האט אפגעמאכט די פרייז 600 דאלער. אינמיטן די ארבעט האט ר' משה אלי' געזאגט פאר דעם איד אז די ארבעט נעמט לענגער ווי ער האט געטראכט און ס'איז שווערער, וויל ער האבן נאך 400 דאלער. האט דער איד גע'טענה'ט אז א פרייז איז א פרייז און מ'קען נישט צוריקציען. אזוי איז געווען צווישן זיי א דין ודברים ווען צום סוף האט ער אים געגעבן נאך 400 דאלער.

דאן האט אים ר' יודל דערציילט דעם חלום און אים צוריקגעגעבן די 400 דאלער וואס אין עולם האמת האט מען גע'פסק'נט אז דאס איז געגומען געווארן שלא בצדק.

דער סטאניסלאווער רבי זצ"ל פון מאנסי האט בשעתו ביי יעדע געלעגנהייט דערציילט די מעשה כדי מחזק צו זיין די אמונה אז אית דין ואית דיין.

עס איז כדאי צוצולייגן אז גוטע אידן האבן ארויסגעברענגט די חשיבות פון ר' משה אלי' ז"ל אז ביי די שלושים איז ער שוין געווען אינגאנצן מסודר חוץ די 400 דאלער!

*יחיאל צבי ברוך*

*נחום קלאר*

**לכבוד די חשוב'ע לייענער פון 'שבת בשבתו'**

מיר דאנקען דעם רבוש"ע פאר די גרויסע שפע און ספעציעלע השפעה היי יאר פון שידוכים ב"ה - מיט א געבעט פאר די אלע וואס גייען בקרוב געהאלפן ווערן בעז"ה.

א קליינע ביסל חיזוק פאר די וואס זענען אויפן וועג געהאלפן צו ווערן: דער באשעפער ווייסט וואו דו וואוינסט! אז דו ביסט היינט אויפגעשטאנען געבט דער באשעפער אכטונג אויף דיר יעדע רגע אויך!

ווארטן פארן באשערטן איז זיכער נישט קיין פשוט'ע נסיון, ספעציעל ווען מען וואוינט צווישן מענטשן און ביי א צווייטן גייט עס אזוי גרינג. מען דארף אבער אויך וויסן אז יעדער האט זיך זיין באשערטע לעבן; איך ווייס פון אזויפיל וואס האבן זוכה געווען צו זייער זיווג ביי א קנאפע אכצן יאר אבער האבן געהאט אנדערע נסיונות אדורכצופארן, און אסאך וואס זענען געווען עלטער און זיך געמוטשעט האבן געהאט אסאך סייעתא דשמיא אין אנדערע אופנים.

און יעצט, צו שמירן די רעדלעך פונעם וואגן פון טרעפן א שידוך, וויל איך מיטטיילן אפאר סגולות: 1) **תהלים** - ספינקער רבי זצ"ל פלעגט זאגן אז עס איז קיינמאל נישט צו פרי צו בעטן פאר גוטע שידוכים פאר די קינדער. איין קאפיטל א טאג פון ווען זיי זענען יונג איז גאר א שיינע נדן! 2) **קאפיטל קכ"א** - יעקב אבינו האט דאס געזאגט אויפן וועג צו לבן, בעפאר ער האט געטראפן זיין שידוך. מ'קען עס זאגן ביי שמו"ע פארן אויסטרעטן, עלטערן קענען עס זאגן פאר זייערע קינדער. 3) **מזומן** - אז עס איז דא מזומן צו בענטשן איז עס א סגולה פאר דער וואס בענטשט. 4) מצות **שילוח הקן**. 5) בודק זיין **מזוזות**. 6) העלפן **חתונה** מאכן א **יתום**. 7) פאר א מיידל - דאווענען אלע **דריי תפילות** א טאג. 8) לערנען **מסכת כלה** (צו טרעפן א כלה) 9) לערנען **מסכת קידושין**. (עס קען אויך געלערנט ווערן דורך דער טאטע) 10) אויסהאלטן **תלמידי חכמים**. 11)דאווענען **נעבן א וואסער** - אזוי ווי אליעזר, יעקב אבינו, און משה רבינו זענען געהאלפן געווארן ביים ברונעם. 12)**צאלן פאר אויסגאבעס** פון דברי תורה / חידושי תורה. 13) שטיצן **מלמדים**. 14) **ברכת כהנים** איז א סגולה - מ'קען בעטן דעם כהן ער זאל איינזין האבן ווען ער זאגט די ווארט ויחנך.

צום שלוס דארף מען וויסן אז עס איז נישט דער שדכן אדער די געלט אדער די משפחה, עס איז דער רבוש"ע וואס פירט אויס יעדע איינציגסטע שידוך דורך זיינע שלוחים. קיינער טוט נישט גארנישט אליין! אפילו עס זעט אסאך מאל אויס אזוי. אלעס האט א חשבון. לפום צערא אגרא - פאר יעדע שמערץ באקומט מען שכר, ספעציעל ווען מען נעמט עס אן בשמחה.

דער באשעפער זאל ווייטער העלפן אז די גרויסע השפעות זאל זיך נאר מערן מיט שמחות פאר אונז אלע.

*כל טוב. שמחות ונחת געזונטערהייט*

*ג.ב.ט.*

268

# די האלץ האקער האט אפגעקויפט די פעלדער

**טייערע לעכטיגע קינדערלעך!**

**די וואך אין סדרה, אין פרשת קדושים, שטייט ואת שבתותי תשמורו, מען זאל היטן שבת.** עס שטייט אין מדרש אז ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט איז געווען אכט און צוואנציג שעה א טאג, אזוי איז נאר געווען זעקס טעג. די זעקס טעג האבן זיך געבעטן ביים אויבערשטן ביטע געב אונז א קרוין; א טאג וואס איז העכער פון אונז אלע. האט דער אויבערשטער זיי געזאגט עטס קענטס אוועקגעבן פון אייער טאג אפאר שעה וועט מען קענען מאכן נאך א טאג. האט יעדע טאג אוועקגעגעבן פיר שעה, אזוי איז אויסגעקומען פון זעקס טעג גאנצע פיר און צוואנציג שעה, וואס דאס איז שבת קודש.

**די ערשטע מצוה אין שבת קודש איז צו צינדן לעכט. דער הייליגער תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי שרייבט אין זוהר הקדוש, "ווער עס איז געווארנט צו צינדן שבת לעכט וועט האבן קינדער תלמידי חכמים".** יעדער ווייסט אז דער טאטע גרייט צו און ברענט אפ די לעכט און די מאמע צינדט די לעכט, וויבאלד די מצוה איז סיי פאר מענער און סיי פאר פרויען וויל מען האבן א חלק אין די מצוה פון די שבת לעכט.




דורך דעם וואס מען צינדט די שבת לעכט האט מען אן עונג שבת, ווייל אמאליגע צייטן איז דאך נישט געווען קיין לעקטערס האט מען שבת ביינאכט געדארפט ליכטיג מאכן אז מען זאל ח"ו נישט אומפאלן, און ווי אויך צו קענען זען די געשמאקע שבת'דיגע עסן, ווייל ווען א מענטש עסט אין די טונקל ווערט מען נישט זאט, אזוי זאגט די גמרא, במילא צינדט מען די הייליגע שבת לעכט, וואס א מענטש איז מחויב אלעס צו פארקויפן צו קענען צינדן שבת לעכט.

וועלן מיר יעצט דערציילן א מורא'דיגע מעשה, וועגן די שכר וואס א איד האט זוכה געווען אין די זכות פון שבת לעכט.

**אין א דערפעלע נעבן די שטאט סאסוב** - סאסוב איז אין אוקריינא - האט געוואוינט א האלץ האקער, ער האט שווער געארבעט אויף צו ברענגען אביסל פרנסה אין שטוב, ער האט געארבעט און געארבעט א גאנצע וואך אז ער זאל קענען עפעס אהיימברענגען. קיין גרויסער תלמיד חכם איז ער נישט געווען, אבער א ירא שמים איז ער יא געווען. ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר יעדע מצוה ווי קליין עס זאל נאר זיין, ווי עס וואלט געווען די גרעסטע מצוה, ער פלעגט יעדע מצוה טון מיט א גרויס שמחה.

**ווען עס איז געקומען צו הכנסת אורחים, צו צדקה, האט ער עס געטון מיט א ספעציעלע שמחה.** ער איז נישט געווען קיין רייכער מענטש, ער איז דאך געווען אן ארימאן א האלץ האקער, דאך האט ער געגעבן צדקה מיט א ברייטקייט וויפיל ער האט געקענט, און מיט א מורא'דיגע שמחה,

ער האט אוועקגעגעבן די ביסעלע וואס ער האט געהאט ווי ער וואלט געווען דער רייכסטער מענטש כאטשיג וואס ער האט גארנישט געהאט וואס צו לייגן אין מויל.

**עס איז געווען איין ערב שבת קודש, דער הייליגער צדיק ר' משה לייב סאסוב'ער גייט אויפן גאס, ער זעט ווי דער האלץ האקער זיצט דארטן אין די זייט פון די גאס מיט איין בינטל פון האלץ**, ער ווארט אז איינער זאל זיך מרחם זיין און אפקויפן אביסל האלץ צו קענען הייצן זיין אויוון, צו קענען באקן זיינע חלות.

ר' משה לייב איז אזוי אינדערפרי געגאנגען דאווענען, שפעט נאכמיטאג ווען ער קומט אהיים שוין פון די מקוה, איז דער צדיק ר' משה לייב נאכאמאל דורכגעגאנגען, האט ער נאכאמאל באמערקט ווי יענער איד איז דארטן, און ענדליך דעמאלטס האט א פרוי אפגעקויפט די בינטל מיט די האלץ.

יעדער ווייסט דאך אז ר' משה לייב סאסוב'ער איז געווען טאג און נאכט פארנומען צו גיין נאך געלט, ער האט זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט אין די וועלט, אפילו צו גיין אין די שווערסטע שנייען און קעלט, איז ער ארומגעגאנגען פון געצעלט צו געצעלט.

אזוי ווי ער האט דאס געזען איז ער גלייך צוגעלאפן צו דעם האלץ האקער, און ער זאגט אים, דו ווייסט, ביים עק פון די שטאט וואוינט נעבעך א ביטערע אלמנה, איר מאן איז נישט צו לאנג צוריק נפטר געווארן און האט נעבעך איבערגעלאזט צוויי פיצלעך אין שטוב. ר' משה לייב זאגט ווייטער מיט א מורא'דיגע רחמנות, די אלמנה נעבעך איז אזוי קראנק אין בעט, זי איז נעבעך אזוי פאר'צער'ט, די צער איז נאך גרעסער אז זי האט נישט מיט וואס צו שפייזן אירע משפחה, אירע קליינע קינדער האבן נישט וואס צו עסן.

**דער האלץ האקער איז געווארן אזוי איבערגענומען פון די שרעקליכע שרעקליכע זאך, אז ער האט ארויסגענומען צוויי מטבעות און ער האט עס אוועקגעגעבן פארן רבי'ן זאל עס איבערגעבן פאר די אלמנה.**

דער רבי גיבט זיך א רוף אן: ר' איד, תזכה למצוות, אבער דאס איז נאר גענוג צו ראטעווען איין קינד, איין פיצל קינד, פון די געלט קען מען נאר קויפן אביסל מילך צו געבן צו טרינקען און שטילן די דארשט פאר איין קינד, וואס וועט אבער זיין מיט די ביסל עלטערע קינד, ער קען דאך אויך רחמנא ליצלן אויסגיין פאר הונגער.

דער האלץ האקער גיבט זיך א רוף אן, פיין, רבי דא האט איר נאך צוויי מטבעות, וואס מיט דעם וועט איר קענען טאקע קויפן א קיכעלע צו קענען אפשטעלן די הונגער פונעם עלטערן קינד, דאס איז וואס איך האב.

אבער דער רבי לאזט נישט נאך, און ער זאגט, איך דאנק אייך אזוי שטארק פארן ארויסהעלפן די צוויי ארימע יתומים וואס דער באשעפער איז זייער טאטע און ער וועט אייך באצאלן, אבער וואס וועט זיין מיט די אלמנה אליינס וואס זי דארף אויך נעבעך אביסל מעדעצינען זיך צו קענען היילן נעבעך פון איר קרענק.

**רבי**, הייבט אן דער האלץ האקער צו וויינען, **דער רבי זאל פארשטיין איך קען איר נישט העלפן, איך בין היינט ארייגעקומען דא מיט איין בינטעלע האלץ, איך האב עס פארקויפט אזויווי דער רבי האט געזען, יעצט האב איך עס פארקויפט פאר זעקס מטבעות. איך האב שוין אוועקגעגעבן יעצט פיר פאר די יתומים, וואס מיט די מטבעות האב איך געפלאנט צו קויפן די חלות מיט די ווין, האב איך עס שוין אוועקגעגעבן. רבי, וויאזוי קען איך אוועקגעבן די לעצטע מטבעות די לעצטע צוויי אז איך וועל אפילו נישט האבן קיין לעכט לכבוד שבת, וואספארא עונג שבת וועל איך האבן.**

ענק קענען זיך פארשטעלן, חלות האט ער שוין נישט, ווין האט ער שוין נישט, אבער ער וויל נאך האבן די מטבעות פאר לעכט, פאר עונג שבת לעכט.

דער הייליגער צדיק ר' משה לייב איז מורא'דיג מורא'דיג געריִרט געווארן פון די הארציגע ווערטער, פון די אמת'ע ווערטער, פון דער מסירת נפש'דיגער איד, וואס האט אוועקגעגעבן זיין לעצטע פאר מטבעות, ער האט גארנישט, און ווי ער וויל באמת אוועקגעבן פאר די קראנקע אלמנה, ער קען אבער נישט ווייל ער וויל נישט זיצן אין די טונקל ווייל ער וויל האבן וואס, עונג שבת, נאר פארדעם.

דער רבי פרעגט אים, **זאגטס מיר ר' איד, איר האט עפעס א ווערדפולע זאך אין שטוב, עפעס האט איר אין שטוב?**



אוקריינישע אידן אין די אלטע היים קויפן איין לכבוד שבת



אוקריינישע אידן שטייען אין מארק און פארקויפן סחורה שטאף

**ניין רבי, אבער איין זאך האב איך נאך יא, אן אלטע מאגערע קוה**, וואס די קוה העלפט מיך אביסל ארויס מיט די פרנסה, איך האב צו מעלקן אביסל מילך און אביסל אקערט מען אמאל.

וועל איך דיך זאגן, זאגט דער רבי, פארקויף די קוה ביי די ערשטע געלעגנהייט, ווען איינער וויל אפקויפן דיין קוה, זאלסטו אים נישט ארויסלאזן, פארקויף עס, און פון די געלט זאלסטו קויפן די ערשטע געשעפט וואס קומט דיך אונטער, די ערשטע ביזנעס וואס מאכט זיך דיר זאלסטו קויפן מיט די געלט וואס דו האסט פארקויפט די קוה. **דער אויבערשטער וועט העלפן וועסט מצליח זיין, אין די זכות פון די מסירת נפש פאר צדקה און מסירת נפש פארן מקיים זיין עונג שבת**, און צו האבן א פריילעכע שבת.



די אוהל פון הרה"ק ר' משה לייב סאסובער זי"ע

דער האלץ האקער קומט אהיים, ער קויפט לעכט פארשטייט זיך, און ער האט דערציילט פאר זיין פרוי פונקטליך וואס דער רבי האט געזאגט.

זי איז נישט געווען אזוי פרייליך מיט די גאנצע געשעפט, זי האט גע'טענה'ט, ווי וועלן אונז קענען אויסהאלטן אן א קוה, עס איז דאך די איינציגסטע זאך וואס אונז האבן נאך אין שטוב, איר אמונת צדיקים איז נישט געווען איינגאנצן שטארק.

אבער דער האלץ האקער איז יא געווען מער ערליך און יא געגלייבט און געווארט אז עס זאל קומען א געלעגנהייט צו קענען פארקויפן זיין קוה, און ער וועט זיך נישט אפהאלטן.

די געלעגנהייט האט נישט געשפעטיגט. אין די זעלבע מוצאי שבת זענען זיי געווען ביים שטאל, און זיי האלטן אינמיטן פיטערן זייער קוה, זייענדיג אין שטאל הערן זיי א וואגן שטעלט זיך אפ דארטן, און עס קומען אראפ פון דארטן צוויי עלעגאנטע מענטשן. דער האלץ האקער איז שנעל ארויסגעקומען קוקן ווער דרייט זיך דא, וואס זוכט דא איינער מוצאי שבת, וואס גייט דא פאר. און זיי פרעגן גלייך פון דער האלץ האקער, **אנטשולדיגט, איר וואלט אפשר געוואלט פארקויפן אייער קוה?**

דער האלץ האקער האט געכאפט א שאק, יאוי איינער וויל אפקויפן מיין קוה פלוצלינג מוצאי שבת אינמיטן נאכט, האט ער געטראכט צו זיך, נו, דער רבי האט דאך געוואונטשן און דער רבי האט מיר געזאגט.

ער זאגט זיי גלייך, **יא, איך פארקויף מיין קוה.**

אבער די פרוי האט דאך נישט געוואלט, און זי האט גע'טענה'ט, אבער וואס וועלן אונז טון אן א קוה, אונז וועלן נישט קענען לעבן אן א קוה, ווי אזוי גייען אונז עס אויסהאלטן. האט זי אים געזאגט, ווייסטו וואס, לאז דיך נישט סתם פארקויפן, בעט א פעטן פרייז פאר די קוה.

פיין, דער האלץ האקער רופט זיך אן, **איך פארקויף מיין קוה, אבער פאר הונדערט גילדן!** די קוה איז אפילו נישט געווען ווערד צוואנציג גילדן.. הונדערט גילדן איז אזוי ווי אונז וואלטן געזאגט היינט פינף טויזנט פונט, די קוה איז ניטאמאל געווען ווערד טויזנט פונט, עס האט פלייש, אבער א שוואכע אלטע קוה.

צו די גרויסע וואונדער פון דער האלץ האקער מיט זיין רעבעצין, האבן זיי ארויסגענומען זייער בערזל, אפגעציילט דאס געלט און איבערגעגעבן די הונדערט גילדן. יאוי, אזא גרויס פארמעגן פאר אן אלטע פארזשאווערטע פארקרעציגטע קוה, מורא'דיג אין די וועלט, און די צוויי זענען פארשווינדן געווארן מיט'ן קוה. שוין, **די וואך גייט גוט, עס האט זיך אנגעהויבן מיט די רעכטע פוס, ב"ה.**

גלייך אינדערפרי האט דער האלץ האקער מחליט געווען




**אינטערסאנט צוצובריינגען א ווערדפולע הייליגע בריוו וואס האט זיך פארקויפט העכער א האלב מיליון דאלער...**

א בריוו פון הייליגן משה לייב מסאסוב זי"ע וואס ער האט געשריבן (בילד 1) **"יום ד' ה' ניסן תקנ"ה"**. פאר **"הרבני המופ'[לג] החכם והשל'[ם] מ' יעקב" מעיר זאלחיץ** (בילד 1).

ווי מען קען זעהן ווי ער שרייבן דארט (בילד 2) **"ומאפס הפנאי אקצר, ושנותיו לא יבצר מהאל הנעצר, ויתן לך ה' שפע רחמי'[ם] להיות לו פרנסה בשופי רב טוב, ולהיות לו שמחה מבניו המופל'[גים] נ"י ומבנותיו ה[בתול?]ות ת'[חיינה]".**

דער גרויסער צדיק חתם'עט זיך (בילד 2) **"דברי או"ג הד"ש כה"י משה יהודא ליב מבראד"**.

פון די אנדערע זייט (בילד 3) שטייט מיט זיין הייליגן שריפט: **"לק' זאלאויץ, לידידי הרבני המופ' מ' יעקב נ"י, מק' סאסוב"**.

אז דער רבי האט דאך געזאגט אז מיט די געלט זאל איך זיך ארויסלאזן אויפן וועג און מאכן די ערשטע געשעפט וואס עס גייט, נו, לאמיר זיך ארויסלאזן זונטאג מאכן עפעס א גוטע געשעפט, דער באשעפער וועט העלפן אין זכות פון דער רבי.

אזוי פארט ער ארויס פון זיין דערפל דארטן וואו ער האט געוואוינט און ער פארט צו א דערנעבנדיגע דארף. ער קומט אריין אין די דארף טרעפט ער אן דארטן פריצים, און ער זעט פריצים שמועסן עס טוט זיך דארטן אן אנלויף פון אסאך עשירים. ער לייגט צו אן אויער, און ער הערט אז דא גייט פארקומען יעצט א לעציטאציע, אן אקשע"ן, **מען גייט פארקויפן פעלדער פון איינער פון די פריצים דא, און מען גייט זען ווער עס צאלט מער געלט וועט זוכה זיין צו אפקויפן די פעלדער**, די גרויסע פעלדער. מען קען דארטן אקערן, מען קען בויען פאלאצן, קענסט טון מיט דעם וואס דו ווילסט, פראפערטי"ס.

דער איד דער האלץ האקער האט גלייך געטראכט, דאס איז מיין ערשטע געשעפט, איך מוז אריינשפרינגען. ער האט געווארט אז מען זאל אנהייבן די לעציטאציע. די אקשע"ן הייבט זיך אן און מען הייבט אן, **טויזנט גילדן פאר די פעלדער.**

און עס שטייט דארטן אן אויסגעקראכענער אלטער פריץ דארטן, איך געב טויזנט פינף הונדערט פאר דעם.

און אזוי גייט עס העכער און העכער, און אונזער ארימער האלץ האקער ציט ארויף די פרייז. **צווישן אלע רייכע פריצים זיצט זיך א איד'ל דארטן און ער ציט ארויף די פרייז כאילו ער וואלט געווען דער וועלט'ס עושר דא און ער קויפט מיט א ברייטקייט.**

די פריצים דארטן האבן געהאלטן אז עס איז פשוט א חוצפה פון אים, וואו קומט ער זיך דא אריינצומישן, קוק ווי אזוי ער גייט אפילו אנגעטון, וואספארא מין זאך איז דאס, פשוט ער וויל אונז פארשעמען מיט דעם. און די פריצים האבן מחליט געווען אז מען גייט אים אנלערנען טאנצן, וואס איז? מען גייט אים לאזן הענגען, יא יא, זאל ער עס אפקויפן און ער וועט עס נישט קענען באצאלן, הא הא הא, ער וועט האבן שאדן אסאך געלט און נאכדערצו וועט מען אים געבן גוטע שלעק מען וועט אים אריינרייסן פארדעם וואס ער האט געמאכט חוזק פון די לעציטאציע.

אזוי איז טאקע געווען, די גאנצע לעציטאציע די אקשע"ן האט זיך געענדיגט ביליג, גאר גאר א ביליגע פרייז, נישט אזויווי עס וואלט זיך געדארפט ענדיגן מיט א צען טויזנט גילדן, **עס האט זיך געענדיגט מיט פינף טויזנט גילדן**, אויך אסאך געלט, א געוואלד פון געלט, אונזער איד'ל האט נאר וויפיל? הונדערט, און דאס איז פינף טויזנט גילדן, א הון רב, ווי מען וואלט געזאגט אפאר הונדערט אלפים אין היינטיגע געלט, אסאך געלט.

די הונדערט גילדן וואס ער האט געהאט האט ער גלייך איבערגעגעבן פאר דער וואס האט געמאכט די אקשע"ן, און געזאגט אז דאס געב איך פאר איינגאבע געלט, ווי מען רופט עס דיפאזי"ט, און כ'וועל נאכברענגען די איבריגע.



אן אור אלטע האלצערנע ביהמ"ד אין סאסוב אוקריינא



אן אור אלטע האלצערנע ביהמ"ד אין סאסוב אוקריינא

דער סדר וויאזוי עס ארבעט ביי אן אקשע"ן איז, מען קען דאך נישט באצאלן די גאנצע פינף טויזנט גילדן אויפן פלאץ, איך מוז עס יעצט האבן ביי מיר אין טאש? ניין. איך דארף מיטנעמען מיין גאנצע אוצר צו די אקשע"ן? איך קען נישט מיטנעמען מיין גאנצע אוצר, איך ווייס דאך נישט וויפיל עס גייט קאסטן, איז מען נעמט זיך מיט אפאר הונדערט בערך און דאס גיבט מען יעצט, און אויב מען קומט נישט ברענגען דאס גאנצע געלט ביז דריי טעג האט מען פארלוירן די איינגאבע געלט די דיפאזי"ט, און מען באקומט עס נישט צוריק, און מען גייט עס ריאקשע"ן מען גייט נאכאמאל מאכן אן אקשע"ן און נאכאמאל פארקויפן, און דער מענטש וואס האט געגעבן דאס געלט האט עס פארלוירן.

דאס איז אפילו היינטיגע צייטן אויכעט, ווען א מענטש קויפט א פראפערט"י, ער קויפט א הויז, איז דא א געוויסע צייט ביז ווען ער דארף ברענגען דאס גאנצע געלט, קודם דארף מען געבן צען פראצענט אדער אביסל אנדערש, איינער קויפט למשל פאר א מיליאן פונט דארף ער אראפלייגן לאמיר זאגן הונדערט טויזנט פונט גלייך, און ביז א חודש אדער דריי חדשים אדער וויפיל מען זאגט, דארף ער ברענגען די איבעריגע געלט און אויב נישט פארלירט ער די דיפאזי"ט, אסאך געלט, פארדעם דארף מען זיך אנשטרענגען און מען דארף גלייך האבן א חשבון בערך פון וואו צו האבן דאס געלט, נישט ח"ו צו פארלירן די דיפאזי"ט.

איז אונזער האלץ האקער האט גלייך איבערגעגעבן די הונדערט גילדן אלס דיפאזי"ט, געמאכט א געשעפט.

די פריצים האבן געשפעט פון אים, זיי האבן געמאכט חוזק פון אים, נו ער גייט ניטאמאל האבן נאך, די הונדערט גילדן האסטו מסתמא געטראפן ערגעץ אדער גע'גנב'עט, ווי

גייסטו האבן נאך איין גילדן, אהה?

אבער ער איז געגאנגען ווייטער מיט זיין אמונה, מיט די ברכה פון דער רבי, און אזוי האט ער געמאכט די געשעפט.

**בלילה ההוא, יענע נאכט, קלאפט אריין צו אים שפעט ביינאכט איינער אינגאנצן פארדעקט, שווארץ פון קאפ ביז פוס, א גלח.** א גלח קלאפט ביי דער האלץ האקער, אה מסתמא דארף ער א שטיקל האלץ, דער האלץ האקער מאכט אויף, יא מיט וואס קען איך אייך העלפן? ווילסט אביסל האלץ?

ניין ניין ניין, איך האב געהערט אז דו האסט אפגעקויפט פאר פינף טויזנט גילדן די פעלדער.

**יא יא יא.**

איך וואלט געוואלט אזוי שטארק זיין א שותף מיט דיר, בשותפות, איך געב האלב, צוויי א האלב טויזנט, און דו די אנדערע צוויי א האלב טויזנט.

**יא איך בין מסכים.** זאגט דער האלץ האקער. אבער זאלסטו וויסן, דארפסט וויסן אז וויבאלד די לעציטאציע די אקשע"ן וואלט זיך געקענט ציען ביז צען טויזנט גילדן, דאס אז עס האט זיך געצויגן נאר ביז פינף טויזנט גילדן איז מיין מזל, עס איז נישט דיין מזל, איז אויב דו ווילסט זיין א שותף פופציג פראצענט מוזטו באצאלן פופציג פראצענט פון וויפיל עס וואלט געדארפט קאסטן, פינף טויזנט גילדן. (דאס מיינט א אידישע קאפ...)

דער גלח זאגט, פיין, ערלעדיגט, עס איז נאך אלס ביליג, פינף טויזנט גילדן, איך בין מסכים צום שותפות, ערלעדיגט, איך ברענג עס. דער גלח האט געהאט מיטגענומען מיט זיך זיין אוצר זעט זיך אויס, ער האט אויפן פלאץ אפגעציילט דאס גאנצע געלט, פינף טויזנט גילדן, און עס געגעבן פאר אונזער האלץ האקער. מען האט איבערגעשריבן די קאנטראקט, די צעטעלע וואס טוט באשטעטיגן די קויפונג, עס הייסט א קאנטראקט, בשותפות ביידע נעמען, אז יעדער איז א פופציג פראצענט שותף, כאטשיג דער גלח האט באצאלט פינף טויזנט גילדן איז ער א פופציג פראצענט שותף ווייל עס וואלט געקענט קאסטן צען.

**די דריטע טאג, ויהי ביום השלישי,** דער האלץ האקער קומט צו גיין, די פריצים קענען נישט גלייבן, זיי זיצן אלע דארטן, זיי זענען שוין געווען אלע גרייט אז מען גייט עס ריאקשע"ן, מען גייט נאכאמאל מאכן די לעציטאציע, אבער דער האלץ האקער קומט מיט א פעקל געלט, ער האט די גאנצע פינף טויזנט גילדן! יויש, **די חברה זענען ארויס פארשעמטערהייט, עס איז נישט געלונגען, זיי האבן שוין געהאט גרייט זייערע רוטן זייערע שמייסערס מיט וואס זיי גייען ארייננרייסן אין דעם איד'ל פארן מאכן ליצנות פון זיי,** זיי האבן זיך געמוזט אליינס אנשמייסן...









פארצייטישע אלטע בילדער פון די שטעטל סאסוב אין אוקריינא

אויפן וועג אהיים, אונזער אידל דער האלץ האקער איז געגאנגען און ער איז געווען אנגעפילט מיט אזויפיל דאנק צום אויבערשטן מיט אזויפיל לויב צום באשעפער צו וואס ער איז צוגעקומען, פון זיין אלטע פארזשאווערטע קוה, נישט פון דעם, נאר פון די צדקה וואס ער האט געטון, פון די מצוה, פון די מסירת נפש פאר צדקה און פון די לעכט פאר שבת קודש, בין איך אויפגעראכטן געווארן. **ער דאנקט דעם אויבערשטן און ער טראכט נאך, ברוך ה' איך האב פעלדער, טאקע א פופציג פראצענט שותפות, אוקעי אבער ברוך השם דער אויבערשטער האט געהאלפן און איך האב כאטש האלב פעלדער.**

אויפן וועג אהיים זעט ער עפעס טוט זיך דארטן אן אנליפעניש פון מענטשן, אזא כאפצעם, א חד גדיא, עפעס גייט פאר דארטן. ער פרעגט וואס גייט פאר, זאגט מען אים האסט נישט געהערט, עפעס א גלח איז דא דורכגעגאנגען ביי די טייך און די פערד האט זיך צעווילדעוועט און ער האט זיך גענומען טאנצן און ער האט אים אראפגעלייגט אזוי אויפן בריק, ער האט אים אנגעטראָטן און ער איז דערטראנקען געווארן און גע'הרג'עט געווארן אויפן פלאץ.

מען האט ארויסגענומען דעם גלח, און קיינער האט נישט געוואוסט ווער דער גלח איז, איז אונזער איד צוגעגאנגען קוקן צו זען אפשר קען ער דעם גלח אפשר ווייסט ער פון וועלכע שטאט ער איז. ער געט א קוק און ער קען נישט גלייבן; **דאס איז זיין שותף! קיינער האט נישט געוויסט פון די שותפות, נאר די צוויי. דא האט ער שוין געזען, יאוי, איך האב דאס גאנצע, איך האב נישט קיין שותף, איך בין אליינס דער בעל הבית פון די אלע פעלדער,** און דער איד איז זייער זייער רייך געווארן אין זכות פון עונג שבת און פון די מצוה פון צדקה. די ברכה פון דער גרויסער צדיק ר' משה לייב סאסוב'ער האט אים מגין געווען אז ער איז געהאלפן געווארן מיט אלעם גוט'ן. ■

בס"ד

גליון 20

# ברכה וישועה

## וואונדערליכע מעשיות פון ישועות

## וועלכע זענען געשען ביי די תומכים פון מוסדות רמ"א

וואס איז געגרינדעט געווארן מיט מסירות נפש צו ראטעווען דעם חינוך הטהור אין ירושלים עיה"ק

דורך כ"ק מרן הגה"ק רבינו משה אריה ב"ר ישראל פריינד זצוקללה"ה

גליון כ' ✤ יו"ל לקראת המגבית השנתית ✤ ענגלאנד תשפ"ג

## פתח דבר

שטייענדיג בעפאר דעם אפיעל פאר די הייליגע מוסדות **'רמ"א'** וועלכע דער ירושלים'ער רב **הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זיע"א** האט געגרונדעט און אויפגעשטעלט מיט זיינע צען פינגער, אין זיינע לעצטע יארן און מיט זיינע לעצטע כוחות, **כדי צו ראטעווען דעם פך השמן הטהור אין ארה"ק** אז די רשעים זאלן נישט האבן דערויף קיין שליטה ח"ו, און כדי די מוסדות זאלן דינען אלס עיר מקלט פאר די וואס זוכן צו שיקן זייערע קינדער אין מוסדות על טהרת הקודש וואס געניסן נישט פון קיין אומריינע געלטער.

האבן מיר איינגעזאמלט א טייל פון די וואונדערליכע דערציילונגען וואס מיר האבן געהערט פון דעם שליח וועמען דער רב זי"ע האט אויפגענומען נאך ביי זיין לעבן, צו אנווינטשן די נדיבים מיט אלע ישועות אין וועלכע זיי נויטיגן זיך, און אז זיינע ברכות זאלן מקוים ווערן פונקט ווי ווען זיי וואלטן ארויס פון דעם וואס האט אים געשיקט.

דער רב זי"ע האט דעמאלט געזאגט בזה"ל: **"איך מאך דיר פאר א שליח, זאלסט אנווינטשן אין מיין נאמען, פאר אלע וואס העלפן מיינע מוסדות, זיי זאלן געהאלפן ווערן בכל משאלות לבם לטובה!"**

היינט איז שוין באקאנט און באוואוסט פאר יעדן, ווי אזוי די ברכות פון דעם שליח - מיט'ן כח פון דעם וואס האט אים געשיקט - מאכן א געוואלדיגן רושם, און טויזנטער זענען שוין געהאלפן געווארן מיט וואונדערליכע ישועות דורכ'ן כח פון דעם צדיק וואס האט איבערגעלאזט נאך זיך א ברכה אויף דער וועלט און א לעבהאפט פאר אונזער דור.

אלסביישפיל, שטעלן מיר אייך פאר א קליינעם טייל – ווי א טיפה מן הים – פון די וואונדערליכע עפיזאדן פונ'ם קוואל פון ישועות מיט וואס די שטיצערס זענען געהאלפן געווארן, איינער מיט שידוכים, א צווייטער מיט זרע של קיימא, און אזוי ווייטער, **ווי די בעלי מעשה האבן אליין דערציילט.**

# ברכה וישועה

**ישועות וואס די בעלי המעשה זעלבסט**
**האבן דערציילט פאר'ן שליח**

## כמנין 'חסד'

איינער האט צוגעזאגט אז אויב ס'וועט אנקומען זיין טאכטער'ס פאספארט **ביז ר"ח סיון,** וועט ער דאן געבן כמנין 'חסד'. אין דער טאג פון **ערב ר"ח סיון תשפ"ב 8:00 אזייגער** צופרי האט ער ערהאלטן א טעלעפאן-קאל אז **ער האט באקומען דעם פאספארט,** כאטש וואס געווענליך נעמט עס אסאך צייט.

## נתרפאה לגמרי

**מנ"א תשפ"ב האט עס דער איד דערציילט פאר'ן שליח:**

מיין טאכטער האט געליטן פון א **שווערע אלערגיע** פון איר 'קאפ' ביז אירע 'פיס', זי האט ממש געליטן דערפון ביז בלוט, מיר זענען שוין געווען ביי פארשידענע סארט דאקטוירים און מיר האבן אויך אנגעשמירט פארשידענע זאלבן, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן.

כ'האב באשלאסן זיך אונטערצונעמען א מכובד'יגער סכום פאר מוסדות רמ"א, און **נאך וואס כ'האב געענדיגט צו באצאלן, 'צוויי טעג'** פון דאן איז **די קרענק געענצליך פארשוואונדן** געווארן פון איר, ב"ה אינגאנצן.

## 100 $ במתנה

היינט **י"ד כסלו תשפ"ג** דערציילט מיר איינער פון די אייניקלעך פון הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א:

אן אייניקל פון הגה"צ רבי יעקב מאיר שליט"א איז אריינגעגאנגען צו איר זיידן נעמען א ברכה פון אים אין דער טאג וואס **זי איז געווארן 20 יאר** און זי האט אויך געבעטן מ'זאל איר אנווינטשן א זיווג, דער גאון וצדיק האט איר געגעבן **100$** און איר געזאגט בזה הלשון: "דו ביסט שוין ערוואקסן, און דו וועסט שוין אליין וויסן וואס צו טון מיט די געלט".

**ווי נאר זי איז ארויסגעגאנגען פון דארט** און איז ארויס פונעם בנין, האט זי געטראפן א בראשור פון מוסדות רמ"א וואו דארט ווערט צוגעשריבן די בקשה פון מרן הגאב"ד זיע"א אז יעדער זאל זען צו תורם זיין $100 פאר מוסדות רמ"א אין דער צייט פונעם יערליכן קאמפיין. דערזעענדיג דאס, האט זי געפילט דערין א סימן אז זי דארף געבן די $100 וואס זי האט יעצט ערהאלטן פאר מוסדות רמ"א. **זאפארט האט זי עס אויסגעפירט און געגעבן די דאזיגע סומע פאר די מוסדות,** און ב"ה א דאנק דעם באשפער. **פערציג טעג,** פון יענעם טאג איז זי געווארן א כלה למזל טוב.

# המה מעידים...

*פון די פעגע פון די נדבנים, וואס זענען עדות אויף ישועות וואס זענען געקומען אויף א וואונדערליכן אופן*

## ויהי ממחרת...



כבוד הרה"ח **ר' אייזיק** שליט"א

איר זענט געווען אין אונזער כולל, און איך האב אייך דאן געבעטן א ברכה וועגן א געוויסער ענין וועלכע ציט זיך שוין א לאנגע צייט, כ'האב צוגעזאגט 'מעשר' געלט דערפון, **און ב"ה 'גלייך' אויפצומארגנס האט זיך דער אנגעלעגנהייט איינגעארדנט אויפ'ן בעסטן אופן,** און נאך דערצו איז אויך פארגעקומען, אז אן אלטער בעל חוב האט **באצאלט אויפצומארגנס דעם גאנצן חוב,** און ב"ה וואס כ'האב מיך אונטערגענומען האב איך באצאלט.

בברכה **מ.ב.**

## בהצלחה



כ'האב געוואלט נעמען א **'טעסט' צו פירן א באס** און דאס קומט אן זייער שווער, ס'איז נישט פארהאן קיין מעגליכקייט דאס צו דורכגיין מיט סוקסעס אין ווייניגער ווי זעקס טעסטס.

נאכ'ן ערשטן טעסט האב איך געגעבן **100 $** פאר מוסדות רמ"א, און ביים צווייטן טעסט **בין איך עס דורכגעגאנגען לחיים ולשלום.**

## ונושעתי...



**$100** פאר מוסדות רמ"א, כ'האב צוגעזאגט און כ'בין געהאלפן געווארן אויף **ממש א וואונדערליכן אופן.**

## 1,000 $ בחשבון הבנק



דער שליח פון רמ״א איז אנגעקומען ביי אונז אין כולל, און כ׳האב באשלאסן ביי מיר זעלבסט, אויב ביז א וואך וועט אנקומען **$ 1000** צו מיר צוליב א געוויסער ענין, וועל איך דאן געבן פאר רמ״א **$100** טראץ וואס צוויי וואכן בעפאר האב איך געבעטן פאר א געוויסע ארגאניזאציע געלט פאר דעם דאזיגן ענין און מ׳האט מיר דאן געענטפערט אז דער פאנד איז פארמאכט.

און דאן ווי וואונדערליך! **׳צוויי טעג׳** נאך וואס כ׳האב צוגעזאגט די אויבנדערמאנטע פאר מוסדות רמ״א, האט מען מיר אנגערופן פונעם פאנד און מיר געפרעגט מיינע באנק איינצעלהייטן, און זיי האבן **אריינגעלייגט אין מיין אקאונט $1000.**

**י.ר.**

## 24,000 $ באותו יום



ב״ה אז איך פארמאג א **כולל** על טהרת הקודש פון **60 תלמידי חכמים מופלגים.**

איין טאג האב איך באגעגנט אין בית המדרש דסאבאוויטש הרה״צ ר׳ אייזיק, כ׳האב דאן תורם געווען **$ 100** פאר מוסדות רמ״א און ער האט מיר געבענטשט אז אין זכות פון רמ״א זאל איך געהאלפן ווערן אז כ׳זאל קענען געבן א געהאלט פאר די כולל יונגעלייט.

**׳אין זעלבן טאג׳** האט אן עושר געגעבן $24,000 און דורכדעם האב איך געקענט געבן פאר די יונגעלייט **א געהאלט פאר א גאנצן חודש.**

מצוה לפרסם **מ.ל**

## חזר לשורשו



לכבוד הרה״ח ר׳ אייזיק ווייס שליט״א

פאר צוויי יאר צוריק האב איך געבעטן א ברכה פאר מיין ברודער וואס האט ל״ע **אוועקגעגליטשט פון ערליכן אידישן וועג,** און כ׳האב זיך אונטערגענומען א שיינער סכום, און ב״ה פון דאן האט זיך **מיין ברודער צוריקגעקערט צום דרך התורה והיראה,** און זוכה געווען צו א **גוטן ׳שידוך׳,** היינט צוטאגס איז ער א פיינער יונגערמאן וואס לערנט **דריי סדרים אין כולל!**

בברכה. **ח.א.**

# הכל עבר בשלום



לכבוד העסקן הדגול הרה"ח ר' אייזיק ווייס שליט"א.

פארגאנגענע יאר האבן מיר **רענאווירט אונזער הויז** און פארברייטערט די דירה, אינמיטן בויען איז אנגעקומען אן אויפזעהער פון דער שטאט-ראט און אונז געוואלט געבן **אן אפיציעלער באפעל צו אויפהערן מיט דער ארבעט,** איינאיינעם מיט שטראף-געלט און געריכטן א.א.וו., כ'האב דאן ב"ה אנגערופן ר' אייזיק **און צוגעזאגט א שיינער סכום און באקומען א ברכה,** ווי פארשטענדליך האבן מיר געטון השתדלות ווי יעקב אבינו האט געטון, און ב"ה אז דאס האט געהאלפן און פון דאן איז **אריבער א 'יאר'** און אלעס איז דורכגעגאנגען בשלום.

באה"ח. **ד.ח.**

# זרע של קיימא

***ד' תשרי תשפ"ג*** לפ"ק



פארגאנגענע יאר, אין חודש כסלו תשפ"ב, האב איך איבערגעגעבן א שיינע סומע פאר מוסדות רמ"א, וויבאלד כ'האב דאן געהאלטן קרוב צו **דריי יאר פון מיין חתונה און** כ'בין דאן נאכנישט געווען געהאלפן, און ב"ה אינמיטן אלול איז מיר געבוירן געווארן א **בן זכר למז"ט.**

וויכטיג צו באצייכענען, אז אויך פאר'ן געבורט האב איך תורם געווען **נאך א סכום פון $200** און ב"ה מיט לויב און דאנק צום באשעפער איז **אלעס דורכגעגאנגען גרינגערהייט.**

באעה"ח בברכת גמר חתימה טובה. **ד.ב.ל.**

# נתקבל ל'ישיבה' טובה



לכ' **מוסדות רמ"א**

כ'האב צוגעזאגט געלט אויב כ'וועל אנגענומען ווערן אין א גוטע ישיבה אין אונזער שטאט, און **אינעם זעלבן טאג** וואס כ'האב זיך עס אונטערגענומען, בין איך אנגענומען געווארן אין זייער א גוטע ישיבה.

הבחור **ש.ע.**

# במספר שמות

## רבים ניוושעו באופן נפלא ע״י תרומתם למוסדות רמ״א כמספר ״שמם״ וכמספר ה״בקשה״!

עס ווערט געברענגט אין ספר "חשק שלמה" אין נאמען פון **דעם הייליגן "דברי חיים" זי"ע**, אז דער מאן פון שונמית האט איר געפרעגט 'פארוואס גייסטו'... האט זי געזאגט שלו'. פארוואס האט זי געזאגט שלו'? ווייל ס'איז דא א מחלוקת ביי די מקובלים וויפיל צו געבן אין אן עת צרה, איין שיטה איז, צו געבן **'הונדערט און זעכציג'** פאר א **פדיון נפש**, און איין שיטה, כמנין **דער נאמען פון מענטש**. דעריבער האט זי געבעטן פון איר מאן צו געבן כמנין דעם נאמען פון איר זון **'חבקוק' (216)**, און נאך **160**, וואס זענען צוזאמען כמנין **'שלו" (376)**, האט זי געבעטן פון איר מאן רשות צו נעמען די סומע צו אלישע הנביא, ער זאל אויפלעבן איר זון.

• • •

און דאס איז דער לשון פון ספהמ"ד (חלק שני אות י"ד): "עס זענען דא תפילות וואס ווערן נישט אנגענומען אויבן ביז מען געבט דערפאר געלט פאר צדקה **"אזוי ווי דער צאל אותיות פון די תפילה"** וואס געהערן צו די זאך, למשל ווען מען איז מתפלל די ווערטער "תן לי בנים" **דארף מען געבן צדקה ווי דער צאל אותיות "תן לי בנים"**, עכ"ל.

**הננו מציגים בפניכם כמה עובדות שניוושעו באופן הנ"ל**

## כמנין 'דיבור יפה'



איך האב געגעבן פאר'ן שליח הרה"ח ר' אייזיק ווייס שליט"א כמנין **'דיבור יפה'**, אז מיין טאכטער זאל שוין מער נישט דארפן גיין צו ספיטש טעראפי און **ב"ה אין פארלויף פונעם יאר איז זי געהיילט געווארן.** השי"ת זאל ווייטער העלפן. און הקב"ה זאל אייך געבן כח און הצלחה אין דער הייליגער מוסד.

... נא לא לפרסם את שמי

# כמנין 'דירה נאה'

**ה' בשלח פ"ב** לסדר ...יוצאים ביד רמ"ה

לכ' הרב החסיד שליחו הנאמן פון מרן הגאב"ד הרמ"א זיע"א **הרב אייזיק ווייס** נ"י


ב״ה ה׳ בשלח פ״ב
לסדר ויצאים ביד רמ״ה

כ'האב אייך צו זאגן א **וואונדערליכע זאך.**

מיר האבן שוין א לאנגע צייט געזוכט א 'דירה' פאר מיין טאכטער די כלה וואס איר חתונה האט שוין געדארפט פארקומען און מיר האבן נאכנישט געהאט געטראפן. נעכטן צופרי האב איך געזען די מעלדונג פון מוסדות רמ"א מיט די מעשיות, האב איך געטראכט צו מיר אז כ'וועל געבן **כמנין "דירה נאה"** פאר רמ"א, און צום וואונדער: גלייך **'מיטאג צייט'** רופט מיר אן א ידיד וואס זיין פריינט האט געהאלטן ביים ענדיגן א געוויסע גוטע דירה פאר זיין טאכטער, אבער ער האט חרטה געהאט און צוריקגעצויגן די לעצטע סעקונדע, יענער האט מיר געראטן אז עס לוינט מיר צו געוואויר ווערן מיט וואס ס'האנדלט זיך. כ'האב שנעל מברר געווען און מיר האבן געענדיגט דעם ענין בשעה טובה **נאך אין דעם זעלבן טאג אין אוונט.**

בברכה **י.ק.**

# כמנין 'בן' (520) וכמנין 'בת' (420)

**קיץ תשפ"ב** פה ירושלים עיה"ק



מיר האבן געערדט פאראיאר, אז מיין פרוי האט געווארט עטליכע יאר צו געהאלפן ווערן מיט נאך קינדער. מיר האבן געשריבן א צעטל אז אויב זי וועט געבוירן א קינד איידער שבת פרה תשפ"ב, וועל איך באצאלן **כמנין ב"ן (520) אדער כמנין ב"ת (420)** און ב"ה אז צוויי מאנאטן פאר די אנגעגעבענע צייט איז **געבוירן געווארן ביי אונז א קינד למזל טוב.**

מ'זעט דערין דעם געוואלדיגן כח פון צדיקים אין הימל זי"ע, דער אויבערשטער זאל ווייטער העלפן אכי"ר.

# כמנין 'דירה'

**כ"ז ניסן תשפ"ב**



יודו לד' חסדו... דאס איז שוין א צווייטע מאל וואס מיר שרייבן צו אייך אויף א גרויסע ישועה וואס מיר האבן זוכה געווען צו ענדיגן מיט די געוואלדיגע עגמת נפש וואס מיר האבן געהאט **מיט דער בעל הבית** פון דער דירה וואס ער האט אונז פארקויפט. **אויף א וואונדערליכן אופן,** נאך איבער צוואנציג יאר, און יעצט האבן מיר בסיעתא דשמיא געענדיגט מיט די באצאלונגען אויף א גרינגן אופן בס"ד, דעריבער האבן מיר דא אייך בייגעלייגט א נייע תרומה **כמנין "דירה",** און מיר זאלן זוכה זיין אויך צו קענען רענאווירן די דירה אויך אויף א גרינגע און לייכטע וועג בס"ד.

הכותב ברגשי תודה וברכה. **י.ש.**

# כמנין 'החזר חוב'

**סיון תשפ"ב**

לכבוד דער חשוב'ער עסקן דער מוסר נפש פאר לימוד תורה בקדושה וטהרה ה"ה הרה"ח **ר' יצחק אייזיק ווייס שליט"א** דער געטרייער און באגליבטער שליח פון מרן הגאב"ד זי"ע.

כ'קום יעצט אויספירן מיין צוזאג פאר השי"ת צו באצאלן. ביי דעם פארגאנגענעם קאמפיין דאס יאר, האב איך צוגעלייגט צו די שטענדיגע הונדערט דאלער וואס כ'געב קביעות'דיג, נאך א תרומה כמנין **החז"ר חו"ב,** נאך וואס ס'איז דורכגעגאנגען מער פון צוויי יאר וואס מיין בני בית האט אפגעלאזט איר ארבעט און זיי זענען איר נאך געבליבן שולדיג עטליכע טויזנט שקלים ווען אלע אונזערע ווענדונגען אז זיי זאלן באצאלן דער חוב האבן נישט געהאלפן, דעריבער האבן מיר צוגעלייגט דעם אויבנדערמאנטן סכום, מיט דער הבטחה בל"נ אז ווען מיר וועלן ערהאלטן דעם חוב **ביז פסח** וועלן מיר אראפגעבן האלב געלט פון די מעשר פאר מוסדות רמ"א.



**און צום ערשטוינונג, א וואך פאר פסח** האבן מיר באקומען א מעסעדזש אז מען פירט אונז אריבער **א טייל פון דער סומע,** און נאך פסח האבן זיי געשיקט נאך א גרעסערע סכום, און יעצט איז אונז געבליבן צו אויספירן דער צוזאג, בייגעלייגט **האלב פון די מעשר** פון דער סכום וואס מיר האבן ערהאלטן ביז יעצט, וואס דאס איז שוין דריי-פערטל פונעם חוב, מיט האפענונג אז בקרוב וועלן זיי אונז אפצאלן **דעם גאנצן חוב.**

**בכבוד רב**

# כמנין 'דירה טובה'

## [מיט א 'פסח קאך']



פר' **וירא תשפ"ג** לפ"ק

לכבוד הרה"צ **ר' אייזיק ווייס** שליט"א

איך האב מיך געוואלט באדאנקן פאר אייך אויף דעם וואס איר זענט געווען די שליח פונעם אויבערשטן מיר צוצוהעלפן, איך האב געהאט געזוכט א שטיק צייט א גרויסע דירה אין די היימישע געגנט דא אין וויליאמסבורג, מיט א פריוואטע צימער פאר א ספרים צימער, און איך האב אייך געטראפן **פר' נח** אין וויליאמסבורג און צוגעזאגט **כמנין 'דירה טובה'** אויב טרעף איך בקרוב א דירה אין די היימישע געגנט מיט א 'ספרים צימער' און 'גרויסע צימערן', אין איר האט מיר אנגעוואונטשן דאס צו טרעפן, אין איר האט צוגעלייגט אז עס זאל זיין דארט **א 'פסח קאך' אויך** (אין איר האט ממליץ געווען די פסוק פון סדרה, **ופתח** התיבה בצידה...).

**'זונטאג' פרשת לך לך** האב איך ב"ה געטראפן א דירה אין די **היימישע געגנט** מיט **גרויסע צימערן** אין א **פריוואטע ספרים צימער** און א **פסח קאך**.

**א.ר.** וויליאמסבורג

# כמנין 'געל"ט'



**אנטווערפען** יצ"ו

איך האב געווארט צו באקומען געלט פון דער שטאט פאר א געוויסע תקופה וואס כ'האב נישט געקענט ארבעטן, ס'איז שוין דורך א פאר וואכן און מ'האט גארנישט געהערט (דערווייל האב איך געהערט פון אנדערע מענטשן אז איך האב נישט די נויטיגע פאפירן פאר דעם) פונקט בהשגחה האב איך געהערט א מעשה מיט א יוד וואס האט געווארט פאר א 'פאספארט' אין האט געגבן אין געהאלפן געווארן, האב איך מיך אונטערגענומען **112 יורא כמנין 'געלט'** דאס איז געווען **מיטוואך, פרייטיג** איז אריינגעקומען די ערשטע סכום **2000 יורא** אין עס קומט ווייטער **'יעדע' חודש.**

**י.ר.**

# כמנין 'דירה טובה'

**י"ט אלול תשפ"ב** ברוקלין יצ"ו

לכ' דער שליח פון מוסדות רמ"א.



**איך וויל אייך זאגן ווי אויך דאנקען פאר השי"ת,** כ'האב אייך געגעבן אין ענד חודש חשון תשפ"ב דער סכום פון **$241**

כמנין **'דירה טובה'** און ב"ה אין כ"א כסלו האב איך ב"ה אפגעשריבן א קאנטראקט אויף א גוטע דירה ב"ה, און **א חודש שפעטער** האבן מיר זוכה געווען דאס צו ענדיגן און אפקויפן.

**נ.ב.**

# כמנין 'ויזות'

**כ"ג שבט תשפ"ב**



אין ליכט פון א משפחה שמחה אין אמעריקע, האב איך געדארפט פארן קיין אויסלאנד. כ'האב געמאכט אן אפוינטמענט אין קאנסול צו באקומען א **וויזע**, געווענליך באקומט מען דעם אפוינטמענט ביז א מאנאט ארום אבער צוליב דער קאראנע ווירוס באקומט מען אן אפוינטמענט בלויז נאך א האלב יאר. כ'האב זיך אונטערגענומען צו געבן **429** ₪ **כמנין 'ויזות' (וויזעס)** און אויף אן אומגעווענליכן וועג האבן זיי מיר גע'פטר'ט פון דער אינטערוויו, און **נאך אינעם זעלבן טאג** האבן זיי מיר באשטעטיגט די וויזעס.

בברכה

# כמנין 'כתר'

**אלול תשפ"ב** לפ"ק



לכבוד הרה"ח **ר' אייזיק ווייס שליט"א** שליח מוסדות רמ"א.

איך וויל אייך פארציילן א **מופת** וואס איך בין עס תולה אין זכות פון צדקה פאר מוסדות רמ"א.

פאראיאר (תשפ"א) אלול האב איך אייך געגעבן **$620 כמנין "כתר"** פאר א בחור פון 24 יאר מיט ערענסטע פראבלעמען וואס מ'האט אנגעטראגן גאר שוואכע שידוכים, און אפי' דאס איז אויך נישט געגאנגען, איך האב אינזינען געהאט אז כתר קען מיינען **א "שטריימעל"** און ב"ה תיכף נאך שמחת תורה **איז ער א חתן געווארן למזל טוב** גאר גאר א שיינע שידוך **למעלה למעלה מן המשוער.**

החותם **י.ל.** ברוקלין

# כמנין 'דירה טובה'
# וכמנין 'סעקשן אכט'

יום כ' **אלול תשפ"ב לפ"ק**

לכבוד הר"ר **אייזיק ווייס** שליט"א



עס איז געווען פאראיאר זומער תשפ"א ווען איך האב געזוכט גאר דרינגענד א נייע דירה זיך ארייצוציען, און ווי באקאנט איז זייער שווער דא אין וומבס"ג צו טרעפן א לייטישע דירה און נאכדערצו אין א גוטע געגענט פאר א גוט פרייז.

ווען איך האב אייך געטראפן פאראיאר **ביים יארצייט,** האב איך מחליט געווען מפריש צו זיין **$100** לטובת מוסדות רמ"א, איך האב עס אייך איבערגעגעבן, איך האב אפי' גארנישט געזאגט נאר איך האב מיר פארשריבן אין מיין ביכעל אז בזכות זה זאל איך טרעפן **א פאסיגע דירה,** און אויב אין די **נאנטע טעג** וועט עס מסודר ווערן,

איך וועל טרעפן א גוטע שיינע דירה, וועל איך בל"נ מוסיף ביז די גי' פון **"דירה טובה"** (דעס איז סה"כ **$240**).

**ויהי לפלא 'געציילטע טעג'** שפעטער האב איך אויסגעפונען פון א הערליכע גרויסע דירה, און בעסטן געגענט, מיט גאר אסאך מעלות, און איך האב מיר געמאלדן פאר'ן בעה"ב, אבער איינער איז שוין געווען פאר מיר, אבער נאך סוכות האט ער מיר געמאלדן אז **איך קען עס האבן!** אין ביז געציילטע וואכן האב איך מיר ארייגעצויגן און דעם **הערליכן דירה מיט אסאך מעלות וואס איך ניטאמאל געחלומט!**

אבער 1 חסרון איז געווען אז דער בעה"ב האט נישט מסכים געווען צו נעמען **סעקשן 8** (א שטעטישע פראגראם), האב איך מיר דאן פארגענומען אז אויב ביז סוף יאר (וואס דאן האב געזאלט באקומען די סעק. 8) וועט ער מסכים זיין עס צו נעמען, וועל איך אי"ה מוסיף זיין די בגי' פון **"סעקשן אכט" ($610).**

**ויהי לפלא די 'לעצטע' וואך** פון די גוּאישע יאר למס' האב איך אים איבערגעפרעגט און **ער האט מסכים געווען עס צו נעמען!!!**

דערפאר שיק איך דא די גאנצע געלט (חוץ די $100 וואס איך האב שוין געגעבן).


# פארפאסט נישט די געלעגנהייט!!!
## און זייט אייך משתתף מיט סכומים הגונים
## געבט אן קיין השבועות, וועט מען פון הימל צודיקגעבן אן קיין השבועות
און איר וועט געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס איר ווינטשט זיך לטובה ולברכה!
## דער שליח פון ירושלים'ער רב זיע"א געפינט זיך דאהי אין ענגלאנד
און ער וועט באזוכן און די שולן און כוללים, די וואס ווילן זיך פארבינדן פערזענליך מיטן שליח, להזכר בדבר ישועה ורחמים, קענען זיך ווענדן:
# 0755-780-9645
**אין ארץ ישראל:** 00972-533-115827 **אדער:** 00972-52-760-7749
00972-2-5386050 **אדער:** 00972-527658089

בס"ד

# הזמנה מילתא היא

כבר ידוע בשער בת רבים מוסדות הק' ת"ת והישיבה המקורות

## רמ"א בירושלים עיה"ק ת"ו

שנתייסד והוקמה במסי"נ להצלת חינוך הטהור בארה"ק

ע"י מרן הגאב"ד הרמ"א פריינד זצוק"ל

ונקרא ע"ש ולזכרו הקדוש זי"ע

## ומתחנכים שם כעת
## קרוב ל500 תלמידים בליעה"ר כ"י

והנושאים בעול נאבקים קשה לקיומו של המוסדות

לכן השנה אסדר בעזהשי"ת

## קבלת פנים רבתי

להצלת המוסדות

ולסייע בידי הנושאים בעול ולחלצם ממיצר

**שתתקיים אי"ה בביתי**

*54 Chardmore Road*

**ביום ב' פר' אמור הבעל"ט**

**משעה 9:00 בערב**

והנני בזה להזמין את כל תושבי עירנו מוקירי התורה ומחזיקי',

ובוודאי נשמתו בגנזי מרומים ימליץ על כל המשתתפים

שיוושעו בכל משאלות לבם לטובה כהבטחתו הק' זיע"א

ביקרא דאורייתא

**יהושע נחמן בר"א שרייבער**

הקבלת פנים לע"נ אבי מורי הרה"ח ר' אלי' בצלאל ב"ר יעקב ז"ל

צעטלער געהאנגען ביי
07973 449 275